Юрьевская Еврейская библиотека имени Д-ра Я. А. Эйгеса

# עשרת הדברות

## לבני ציון

להנך אותם מקטנם עד גדלם בין העניים ובין העשירים בחינוך טוב וישר, אשר יהיה חרוצים ומאושרים ולתפארת להורותיהם ולעצם.

די צעהען גיבאט פיר די בני ציון, ד"ה, אונזער פאלק ישראל, לערנין זיי א גוטע ערציהונג פון קליין ביז גרויס הן ארעם הן רייך, אז זיי זאלין זיין גליקליכע אונ זעלבסשטענדיגע מענשין אונ זיין א עהרע פיר זייערע עלטערין אונ פארן גאנצען פאלק;

מאת

יחזקאל קאטיק.

Юрьевская Еврейская библиотека имени Д-ра Я. А. Эйгеса № 237

1803

ווארשא

בדפוס מ. י. האלטער ושותפו, נאלעווקי

תרנ"ט

**АСЕРЕСЪ ГАДИБРУСЪ ЛИВНЕЙ ЦІОНЪ.**

т. е.

**10 правилъ для сіонистовъ.**

Составилъ Х. КОТИКЪ.

ВАРШАВА. 1899.

*Типографія М. И. Гальтера и Комп., Налевки 7.*

22909

Дозволено Цензурою
Варшава, 11 Мая 1899 г.

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942: 2448

# ראשית דבר.

החכם מכל אדם אמר: „הוכח לחכם ויאהבך״ „ושונא תוכחת בער״, „אוהב מוסר, אוהב דעת״ „אומר לרשע, צדיק אתה, יקבוהו עמים״ ולמוכיחים ינעם, „ועליהם תבא ברכת טוב״ —.

אמרי דעת האלה היו נר לרגלי בגשתי אל העבודה להפיץ בישראל את מחברתי זאת המלאה תוכחת מוסר לבני עמי, עצמי ובשרי, אשר אוהבם אהבת נפש וכל חפצי בחיים הוא לראות אותם בהיותם שלוים, שקטים

---

שלמה המלך האט געזאגט: „הוכח לחכם ויאהבך״, דאס הייסט: זאלסט שטראפען א קלוגען וועט ער דיך ליעב האבען, „ושונא תוכחת בער״ א נאר האט פיינד שטראף־רייד. „אוהב מוסר אוהב דעת״ ווער עס האט ליעב מוסר, דער האט ליעב וויסענשאפט, „אמר לרשע צדיק אתה יקבהו עמים״, ווער עס זאגט אויף א רשע אז ער איז א צדיק, דעם וועלען שעלטען פעלקער, „ולמוכיחים ינעם, ועליהם תבוא ברכת־טוב״ אונ צו די מוסר זאגער איז זיס; אויף זייא וועט קוממען א ברכה פון גוטס. זא ווייטער.

דיא אללע וויסענשאפטע רייד פון דעם גראסטען וועלט־חכם בעלייכטען מיר די וועג, וועלכע איך געה צוא, צוא דער ארבייט ארויס געבען מיין ווערק, וואס איז פול מיט שטראפרייד אונ מוסר צוא די קינדער פון מיין פאלק. מיין ביין, מיין לייב, וואס איך ליעב זייא מיט אגייסטליכע ליעבע, אונ מיין גאנצער וואונש אין מיין לעבען איז נור צוא זעהען זייא רוהיג אונ גליקליך אונ וואהל

ומאושרים מבית ומחוץ, ולכן לא אוכל לעצום את עיני מראות ברעות אשר דבקו בנו במשך ימי גליותנו הרבים. והנני בזה להעיר את אחי אהובי נפשי, כי ישימו את לבם אל דרכיהם והתעוררו לתקן כל מעֻוָּת ולבער את הרע מקרבם, ותקותי, כי דברי היוצאים מלב מלא אהבה יכנסו אל לבם ותוכחתי תהי מרוצה ומקובלת, אף כי לא אדבר חלקות, רק מוסר קשה ומר.

ואמנם ראו נא מה בין נביאי האמת לנביאי הבעל? נביאי האמת לא עשו חונף לעמם, לא החליקו אליהם בלשונם, אך העירו למוסר אזנם, הוכיחו אותם

---

האפט מיט זיך אונ־מיט דיא פאלקער זייערע שכנים (נאכבארן), דארום קען איך ניט צו מאכען מיינע אויגען איך זאלל ניט זעהען אונ ניט צו קוקען אויף דיא שלעכטץ, וואס האט אונז בעגעגענט אין דער צייט פון אונזער גרויסען גלות, אונ איך קום יעצט צו־דער־וועקען מיינע ליבע ברידער, זייא זאללען זיך אנהייבען אכטונג געבען אויף זייערע וועגען אונ זאללען זיך ערוועקען אויס בעסערען אללע פעהלערן אונ אפרוימען דאס שלעכטץ פון זיך. איך האף, אז מיינע רייד. וואס גייהען ארויס פון הארצען וואס איז פולל ליעבע, וועט אריין גיין אין זייער הערץ אונ מיינע שטראף־רייד וועט זייא זיין בעוויליגט אונ אנגענעהם, אבער וואהל איך רעד ניט קיין ווייכע רייד (חנופה), נור שווערע מוסר אונ ביטטערע רייד.

ליעבע ברידער! זאלען מיר זעהען דעם אונטערשייד צווישען דיא וואהרהאפטיגע נביאים (פראפעטען) [נביאי האמת], מיט דיא פאלשע נביאים. די אמת'ע נביאים האבען ניט געזאגט קיין חנופה זייער פאלק, זייא האבען ניט גערעדט מיט זייער מויל קיין גלאטע ווייכע רייד, זייא האבען אימטער נור ערוועקט דעם

על רוע מעלליהם ועל דרכיהם הרעים וגם חזות קשה הגידו להם, כי אם לא ישיבו מדרכם, אבוד יאבדו, ובאהבתם את עמם אהבה נצחת נתנו את גום למכים ולחייהם למורטים, חרפה וכלמות נשאו, עינוים קשים ומרים סבלו ובחרף נפש יסרו את העם, השכם ויסר, ולא חדלו מדבר על לבם כי ייטיבו את מעשיהם ודרכיהם. — ואנשי הבליעל, נביאי הבעל אך בחלקות שתו לעמם, באמרם להם כי כל מעשיהם טובים

---

פֿאלק צו מוסר, זיי האָבען דעם פֿאָלק געשטראָפֿט פֿאַר זיינע שלעכטע וועגען און זייא האָבען געזאָגט דאס פֿאָלק שווערע נביאות, זייא האָבען געשריגען אויף דעם פֿאָלק און האָבען געזאָגט ווען זייא וועלען ניט תשובה טהוען און וועלען ניט אַוועק וואַרפֿען זייערע שלעכטע וועגין, וועלען זייא פֿערלאָרען גיין, ווייל זייא האָבען געליעבט זייער פֿאָלק אַ אונשטערבליכע ליעבע, האָבען זייא געגעבען זייער לייב צו וואונדען און זייער אַנגעזיכט צו שמערצונג, זייא האָבען פֿאַר טראָגען פֿיעל שאַנדע און שפּאָט, זייא האָבען געליטען פֿיל פּיין, זייא האָבען פֿערביטערט זייער לעבען, זייא האָבען איינגעשטעלט זייער זעעלע אין געפֿאהר, מיט דעם, וואס זייא האָבען דאס פֿאָלק געשטראָפֿט, און זיינען ניט מיעדע געוואָרען פֿון צו שטראָפֿען זייא און רעדען אויף דיא הערצער, אַז זייא זאָלען אוים בעסערען זייערע וועגען און זאָלען אַוועק וואַרפֿען זייערע שלעכטע מעשים, וואס דאס וועט זייא ברייינגען צו פֿערלאָרען גיין, און זייא וועלען ווערען אומגעבראַכט אין פֿייער און אין וואַסער און פֿון דער שווערד פֿון די פֿיינד.

אָבער דיא פֿאַלשע נביאים דיא פֿערדאָרבענע מענשען האָבען נור גערעדט ווייכע גלאַטע רייד צום פֿאָלק. זייא האָבען מיט זיסע חנופה געשפּראָכען צום פֿאָלק און האָבען געזאָגט דאס זייערע

מעשים

וארחותיהם ארחות יושר, ולכן אל להם שמוע בקול מוכיחיהם שונאיהם, המחפשים בהם מומים ודרכם לא ישרה בעיניהם; אויבי עמם, בני מות הם המוכיחים, אל יקשיב איש לדבריהם ומקולם כל יחת, רגום אותם באבנים.

ומה היתה אחרית העם, אשר שנא מוסר ובקול מוכיחים לא הקשיב? דברי נביאי האמת כתמם באו עליו, רעות רבות וצרות מצאוהו זה כאלפים שנה ככל אשר חזו מראש חוזי יה, ובכל זאת לא לקחו עוד בני עמנו מוסר ועד היום יעריצו ויקדישו את החנפים ואת

---

מעשים זיינען גוטע אונ זייערע וועגען זיינען גלייכע אונ רעכטע, אונ זייא זאלען ניט הערען צו דיא שטראפרייד פון זייערע פיינד וואס זוכען איממער נור זייערע פעהלערין אין אללע זייערע וועגען אונ אללע מעשים איז אללעס ניט וואהל געפאהלען אין זייערע אויגען, דיא פיינד פון זייער אייגענעם פאלק, דיא אללע שטראפערס, אללע מוסר־זאגערס, דיא שונאים זאללען געטייט ווערען, קיינער זאלל ניט פערנעהמען זייערע רייד אונ זייער מוסר אונ זאלען זיך ניט שרעקען פאר זייער שארפער שטיממע. פערשטיינען זאלל מען זייא דיא נביאים מיט שטיינער.

וואס איז אבער געוועזען די׳א ענדע פון דעם פאלק, וואס ער האט פיינד געהאט מוסר, אונ האט ניט געהערט דעם קול פון דיא שטראפערס, דאס עס איז מקוים געווארען דיא אללע רייד פון דיא נביאים. פיעל שלעכטס אונ זייער פיעל צרות האט דאס פאלק געליטען שוין א פאר טויזענד יאהר, אללעס וויא דיא גאטטליכע נביאים האבען נביאות געזאגט, אונ אונזער פאלק׳ס קינדער האבען נאך קיין מוסר ניט גענוממען, אונ נאך ביז אין היינטיגען טאג פערהייליגען זייא אונ בעשיינען דיא חנפים, דיא

פערמאסקירטע

הצבועים המגדילים אותם בפיהם והמהללים והמשבחים אותם, כי עם חכם ונבון הוא, צדיק וישר, אשר כשרונותיו ומדותיו טובים הם הרבה יותר מכל מדות יתר העמים, ואת המוכיחים אשר יוכיחום על פניהם ויקראו וישועו אליהם לעזוב ארחות עקלקלות ולשוב מדרכיהם הרעים — ישנאו בלבבם.

ואולם השיבו נא אל לבכם, אחי היקרים! גם כל אב חכם יוכיח את בניו לעיניהם, אף כי יודע הוא, כי

---

פערמאסקירטע מענשען, וואס ריהמען דעם פאלק און מאכען איהם גרויס מיט זייערע פאלשע מיילער צוליעב זייער אייגענעם צוועק, און זיא לויבען דעם פאלק און זאגען דאס ער איז א עם חכם ונבון א קלוגער און א פערשטאנדיגעס פאלק, וואס ער שטעהט העכער אלס אללע פעלקער מיט זיינע גוטע זיטען און גוטע מעלות און שיינע מנהגים. אט דיא אללע מענשען, וואס ריידען מיט חנופה, מיט פאלשקייט, זיינען בעליעבט בייא דעם פאלק. אט דיא מענשען לעבען גליקליך מיט גרויס עהרע.

אבער דיא שטראפערס דיא מוסר־זאגערס דיא וואהרהאפ־טיגע מענשען וואס ליעבען דעם פאלק און וויינען פון טיעפען הארצען אויף דיא צרות וואס דער פאלק ליידעט, און שרייען צו זייער געליעבטען פאלק, זייא זאללען אויס בעסערען דיא פעה־לערין, וואס דאדורך ליידען זייא אין יעדער צייט פון דיא שונאים. אט דיא מענשען פערהאסט דאס פאלק און דערוויי־טערט זייא.

נור ליעבע ברידער נעמט אייך צום הארצען און וויללט פארשטעהן, דאס יעדער קלוגער געטרייער פאטער שטראפט זיינע קינדער זייא אין דיא אויגען, אבוואהל ער וויים, אז זייא האבען

פיעל

גם הרבה מעלות ומדות טובות רכשו למו. שלא בפניהם, בשבתו בתוך זרים יספר את כל המדות המשובחות אשר להם, ולעיניהם, יציג רק מגרעותיהם למען דעתם להיטיב את מעלליהם — כן גם אנכי עמדי! על המגרעות אשר דבקו ביתר העמים לא אשים לב, ולגורל יתר העמים ולמדותיהם לא אדאג, כי שערי כל העולם פתוחים לפניהם, ולהם יש אנשים גבורים וחזקים ממני אשר ידאגו עבורם. אנכי אבכה אך על אחינו בני ישראל אשר נעים ונדים הם תמיד בכל מקומות

---

פִיעל מַעֲלות אוּנ גוּטֶע זִיטֶען, זַייא זַיינֶען פַיין אוּנ אָרֶענְטְלִיך, אוּנ אוּנטֶער זַייעֶרֶע אוֹיגֶען רִיהמְט עֶר זַייא פַאר פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען, עֶר זָאגְט: דָאס אִיבֶּער זַיינֶע קִינְדֶער גִיבְּט נִיט קֵיין בֶּעססֶערֶע, אָבֶּער זַייא אִין דִיא אוֹיגֶען שְׁטְרָאפְּט עֶר זַייא אוּנ זוּכְט אוֹיס מִיט לִיכְט זַייעֶרֶע פֶּעהלֶערְן אוֹיס צוּ בֶּעססֶערֶען זַיי, „כִּי אֵין אָדָם צַדִיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טוֹב וְלֹא יֶחֱטָא”, וָוארוּם עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין מֶענְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאלל טְהוּעֶן גוּטֶס אוּנ זָאלל גָאר נִיט קֵיין פֶּעהלֶער הָאבֶּען, דַארוּם זוּכְט דֶער קְלוּגֶער טְרַייעֶר פָּאטֶער אַללֶע פֶּעהלֶערְן פוּן זַיינֶע לִיעבֶּע קִינְדֶער אוֹיס צוּ בֶּעססֶערְן זַייא. אַזוֹי בִּין אִיךְ יֶעצְט צוּ מַיין לִיעבּ פָאלְק. אוֹיף דִיא פֶּעהלֶערְס פוּן אַנְדֶערֶע אוּמוֹת קוּק אִיךְ נִיט, פַאר זַייעֶר שִׁיקְזַאל אוּנ פַאר זַייעֶרֶע זִיטֶען (מִדוֹת) דַאֲגָה אִיךְ נִיט, וָוארוּם זַייא הָאבֶּען שְׁטַארְקֶערֶע פוּן מִיר וֶוער עֶס זָאלל פַאר זַייא זָארְגֶען. נוּר אוֹיף מַיין פָאלְק לִיעבֶּע בְּרִידֶער וֵויין אִיךְ אוּנ שְׁרַייעֶ, נוּר אוֹיף דִיא פֶערְשְׁנִיטֶענֶע אוֹרְחִים, וָואס אַללֶע דֶער וַוייטֶערְן זַייא פוּן זִיךְ, יֶעדֶערֶער זָאגְט צוּ זַייא: גֶעהטְס וַוייטֶער! זַייא הָאבֶּען קֵיין מְנוּחָה קֵיין רוּהֶע, זַייא הָאבֶּען קֵיין בֶּעשְׁטַאנְד נִיט, זַייא הָאבֶּען נִיט קֵיין הוֹיז, אִיבֶּער־אַלל אִיז עֶר אַ אוֹרֵחַ.

מושבותיהם, לגרים האלה ולעתידותיהם אדאג ואף אליהם אשים דברתי, ואם יקשיבו אחי אלה לעצתי, אז יאושר חלקם בארץ.

צו דיא גרים, צו דיא גאסטע, אונ צו זייער צוקונפט דאגה איך, נור צו זייא רעד איך פון טיעפען הארצען מיט א גרויס געוויין, מיט א גרויס געבעט, אז זייא זאללען צו הערין מיין עצה, מיין ראטה אונ ליעבען אונ הערין אללע שטראפערס. וואס ווילען זייא פיהרען אין גוטען וועג אונ אויס בעסערען אללע פעהלערן. מיר האבען נאך האפנונג, דאס ווען מיר וועלען אויס בעסערען אונזערע שלעכטע קרומע וועגען, קען אונז נאך זייער גוט זיין גלייך מיט אללע נאציאנען אויף דער וועלט אונ מיר וועלען נאך פארגעססען פון דיא אללע צרות אונ פון אללע יסורים, וואס מיר לייזדען נאך ביז היינט.

# עשרת הדברות לבני ציון

הרעיון לשוב ולבנות את ציון ולעשותה למרכז לעמנו המפוזר והמפורד בארבע כנפות הארץ, התעורר בשנים האחרונות בלב כל איש ישראל לכל בעלי המפלגות שבתוכנו, כאדוקים וכחפשים בדעות, כזקנים כנערים כתלמידי הישיבות כתלמידי בתי מדרש המדעים ישאו את עיניהם ולבותיהם אל הועד בבזל ואזניהם קשובות אל כל הגה היוצא מפי חכמי הדור

# צֶעהֶען גֶעבָאט פִיר דִיא קִינְדֶער פוּן צִיוֹן

## דָאס הֵייסְט: דִיא יוּדֶען.

דֶער גֶעדַאנְק צוּ אוּמְקֶערֶען זִיךְ אִין צִיוֹן, אוּנ מַאכֶען אִיהְר פִיר אַצֶענְטֶער פִיר אוּנְזֶער פָאלְק, וָואס עֶר אִיז צוּ שְׁפְּרֵייט אוֹיף אַלֶע פִיהְר עֶקֶען פוּן דֶער וֶועלְט, הָאט זִיךְ יֶעצְט עֶרְוֶועקְט אִין דִיא לֶעצְטֶע יָאהְרֶען אִין דָאס הַארְץ פוּן יֶעדֶען יוּד, אַלֶע פֶּערְטַיי-עֶן, אַלֶע סֶעקְטֶעס, אַזוֹי וִויא פַאנַאטִיגֶע אַזוֹי פְרַייא גֶעזָאנֶענֶע, אַלְט אוּנ יוּנְג: וִויא דִיא יְשִׁיבָה בַּחוּרִים, זָא דִיא סְטוּדֶענְטֶען, דִיא וָואס זֶענֶען גֶעגֶען דֶער בִּילְדוּנְג, אוּנ דִיא גֶעבִּילְדֶעטֶע קְלַאססֶע, אַלֶע וִויא אֵיין מֶענְשׁ, הוֹיבֶּען אוֹיף יֶעצְט דִיא אוֹיגֶען מִיט זֵייעֶר הַארְץ צוּ דֶעם פֶערְזַאמְלוּנְג אִין בַּאזֶעל-אוּנ זֵייעֶרֶע אוֹיס עֶרְוֵוייְלְטֶע, אַלֶע שְׁטֶעלֶען אוֹיף דִיא אוֹיעֶרֶן צוּ הֶערֶען דִיא וֶוארְטֶער, וָואס גֵייהֶען אַרוֹיס פוּן דֶער מוּנְד פוּן דִיא אַלֶע קְלוּגֶע אוּנ דִיא גְרוֹי-

סע

Библiотека академическ. ... еврейс ой истор...

וקציניו, המתאספים בעיר ההיא וכלם נכונים לקרוא בפעם השנית את הקריאה הגדולה: „נעשה ונשמע" — אי לזאת באתי אנכי, אחד העם, להעיר את אחי בני עמי ולהזכירם, כי אך לשוא יעמלו הבונים, החכמים והקצינים, אם אנחנו, בני העם לא נכון את היסודות לבנין הרם והנשא הזה. טרם נגש אל המלאכה לשוב ולבנות את ציון, עלינו לכלות את הקוצים מכרמנו ולהרים את כל אבני הנגף והמכשולים, אשר ימלאו את דרכינו וארחותינו, ואת כל זאת לא נוכל לעשות בלתי אם נתקן וניטיב את מצב החנוך, אשר הוא, רק הוא הנהו אבן הפנה ומוסד של אושר העם ועשרו, ורק הוא

---

סע מענשען, וואס פערזאמלען זיך אין דיעזע שטאט-באזעל, אונ אללע שטעהען גרייט דעם צווייטען מאהל צו אויס רופען דיא ווארטער „נעשה ונשמע" מיר וועלען אלעס טהוען אונ הערען.

דארום קום איך יעצט איינער פון פאלק צו ערוועקען מיינע ברידער דיא קינדער פון פאלק, אונ צו דער מאנען זייא, אז דיא אללע טעכניגער, בויערס, דיא חכמים דיא גרויסע לייט, וואס געהען בויען ציון, וועט זיין אללעס אומזאנסט אונ צו לעער, ווען מיר, דער גאנצער פאלק, וועלען ניט צו גרייטען די אללע פרעד-מעטין, אללע זאכען, וואס מען ברויכט צו דעם גרויסען בנין.

איידער מיר געהען צו, צו דער ארבייט — בויען ציון, בעדארפען מיר אויסראממען דיא דערנער פון אונזער וויין-גארטען אונ אפ-רוימען אללע שטיינער, אללע שטרויכלונגען, וואס שטעהען אונז אויף אונזער וועג, אויף יעדען טריט, דאס איז אונזער שלעכטע ערציהונג.

מיר מוזען אויס בעסערען אונזער ערציהונג, וואס נור דאס דיא ערציהונג, דער חנוך, איז דער רעכטער שטיין, דער רעכטער

פונדאמענט

יכול לשנות את מעמדנו לטוב, ובלעדי חנוך טוב ומתוקן יהיה כל יגיע דורשי טובתנו ועמלם ומעשיהם כשופך מים בכברה. פרטי החנוך הטוב הם לדעתי, עשרה במספר, כאשר הנני מראה בזה.

---

פוּנְדַאמֶענְט פוּן דֶעם פְאלְקְס גְלִיק. נוּר דִיא גוּטֶע עֶרְצִיהוּנְג, חִנוּךְ, קָאן אוּנְז עֶנְדֶערְן אוּנְזֶערֶע בִּיטטֶערֶע פִינְצְטֶערֶע לַאגֶע, נוּר דִיא עֶרְצִיהוּנְג אַלֵיין קָאן אוּנְז אוּים בֶּעסֶערֶען אוּנְזֶער שְׁלֶעכְטֶען בֶּעשְׁטַאנְד, אוּנ אַז מִיר וֶועלִין נִיט אוּים בֶּעסֶערֶען, אוּים פַּיינֶען דִיא שְׁלֶעכְטֶע עֶרְצִיהוּנְגֶען, וָואס דִיא שְׁלֶעכְטֶע צַייטֶען הָאבֶּען אוּנְז גֶעגֶעבֶּען, אִיז דִיא גַאנְצֶע מִיהֶע אוּנ מַאטֶערְנִישׁ פוּן אוּנְזֶערֶע פְרַיינְד, וָואס ווִילּלֶען אוּנְז גוּטֶעס טְהוּן אוּנ אַללֶע זַייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, אִיז אַללֶעס וִויא מֶען גִיסְט וַואסֶער אִין אַ זִיפּ; עֶס אִיז אַלֶ-לֶעס אוּמְזָאנְסְט. דֶעם חִנוּךְ טְהֵייל אִיךְ נָאךְ מַיין מֵיינוּנְג אִין צֶעהֶען אַבְּטְהֵיילוּנְגֶען, וִויא אִיךְ וֶועל דָא וַויטֶער שְׁרַייבֶּען.

---

# א.

## כל ישראל ערבים זה לזה.

עלינו לטעת בלב בנינו מילדותם את אהבת העם ולהכינם בינה, כי כל איש פרטי הוא רק אבר אחד בגוף הגדול, הוא העם, אם ייטיב את מעשיו, אז ייטיב לכל העם, ואם ילך בדרך חטאים — יביא רעה לכל העם. עלינו בני ישראל החובה יתר הרבה מאשר על בני עמים אחרים לשנן את הדבר הזה בלב בנינו, כי עמנו תמיד ישא ויסבול את עון היחידים, ולא לחנם

# 1.

## אַלֶלֶע יוּדֶען זֶענֶען עָרֵב אֵיינֶער פַאר דֶעם אַנְדֶערְן.

דָאס עֶרְשְׁטֶע מוּזֶען מִיר אַיין־פְלַאנְצֶען בַּייא אוּנְזֶערֶע קִינְ־דֶער דִיא לִיעבֶּע צוּם פָאלְק אוּנ גֶעבֶּען זֵייא צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶען, דָאס יֶעדֶער יוּד אִיז אַ אֵבֶר אַגְלִיד אִין גַאנְצֶען קֶערְפֶּער, דָאס אִיז דָאס פָאלְק, וֶוען יֶעדֶער אֵיינְצֶעלְנֶער בֶּעגִיטִיגְט זַיינֶע מַעֲשִׂים בֶּע־גִיטִיגְט עֶר דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק יִשְׂרָאֵל, אוּנ וֶוען עֶר גֶעהט אִין שְׁלֶעכְטֶען וֶועג בְּרֵיינְגְט עֶר שְׁלֶעכְטֶעס אויף דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק.

אויף אוּנְז יוּדֶען אִיז דֶער חוֹב מֶעהְר וִויא אויף אַנְדֶערֶע פאלֶקֶער צוּ לֶערְנֶען דָאס אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, וָוארוּם אוּנְזֶער פָאלְק

ליידעט

אמרו חז"ל: „כל ישראל ערבים זה לזה". כי לכאורה יפלא בעינינו הדבר הזה: התורה אמרה, כי גם „אבות לא יומתו על בנים, ובנים לא יומתו על אבות", הנביא יחזקאל אמר: הנפש החוטאת היא תמות, „בן לא ישא בעון האב, ואב לא ישא בעון הבן", וגם השכל הישר יורנו, כי אין לענוש איש על פשעי אחרים — ואיככה זה גזרו חכמי התלמוד אומר, כי אנחנו ערבים זה לזה? ואולם האמת תורה דרכה, כי חכמינו ז"ל לא שמו זאת

---

ליידעט שטענדיג דעם זינד פון דיא איינצעלנע מענשען. ווען איין יוד פערזינדיגט. פערשולדיגט מען באלד דעם גאנצען כלל ישראל. אט דאס האבען דיא חכמים געזאגט: „כל ישראל ערבים זה לזה" דאס הייסט: דאס אללע יודען זיינען ערב איינער פאר'ן צווייטען. אייגענטליך איז דאס אוואונדער, אז דיא חכמים זאלען זאגען, אזאך עס זאל זיין געגען דיא תורה, וואס עס שטעהט דייטליך אין דער תורה: „אבות לא יומתו על בנים, ובנים לא יומתו על אבות", דאס הייסט: עלטערען ווערען ניט געטייט פאר קינדער און קינדער ווערען ניט געטייט פאר עלטערען, יעדער מענש ווערט בעשטראפט פאר זיינע אייגענע זינד. און דאס איז אויך געגען דיא נביאים, דער נביא יחזקאל האט געזאגט: „הנפש החוטאת היא תמות, בן לא ישא בעון האב, ואב לא ישא בעון הבן", דאס הייסט: נור דיא זינדיגע זעעלע שטארבט, און קיין זאהן שטארבט ניט פאר דיא זינד פון פאטער, און דער פאטער שטארבט ניט פאר דיא זינד פון זאהן. אויך לערנט אונז דער שכל הישר, אז מען זאל ניט בעשטראפען קיין מענשען פאר דעם אנדערענס זינד. אלזא וויא האט געקענט זאגען דער תלמוד, דאס איינער איז ערב פאר דעם צווייטען? נור דער אמת איז אזוי, דיא חכמים האבען דאס ניט געזאגט פאר א דין, נור זייא האּ־
בען

לחק, אך בדברים קצרים ונמרצים האלה תארו לפני העם את מצבו ומעמדו אז, בהיותו תחת שבט מושלים עריצים, אשר שמו את עון היחידים על הכלל וחטאת האחד סבל כל העם, איש אחד חטא ועל כל העדה יצא הקצף, כי בימים ההם ישבו העמים בתוך חשכת הבערות והפראות, וגם המושלים הטו ארחות יושר ויאשימו את הכלל על פשעי הפרט, ובכן היה באמת „כל ישראל ערבים זה לזה״.

בימים האחרונים, אשר המלכים והשרים לצדק ומשפט ישורו, ויתנו לכל העמים חקים ישרים ומשפטי צדק ואמת, החל גם מצב עמנו ללכת הלוך וטוב, עד

---

בען אונז פארגעשטעלט מיט קורצע קלוגע ווארטער, דעם בעשטאנד פון אונזער פאלק, וואו מיר זענען געוועזן אונטער דער שוץ פון דיאווילדע שלעכטע מושלים אין יענער צייט, וואס זייא האבען בעשולדיגט אללע יודען פאר דער זינד פון איינצעלנע מענשען, אז איין יוד האט געזינדיגט, האט מען בעשולדיגט דעם גאנצען כלל ישראל, ווארום דאמאלס זיינען נאך דיא פאלקער געוועזן דום אונ ווילד, אונ דיא מלכים אונ שרים האבען ניט געמשפט מיט יושר; זייא האבען פערשולדיגט דעם כלל צוליעב דעם פרט, איז טאקע געוועזען אמת, וויא דיא חכמים האבען געזאגט: דאס יעדער יוד איז איין ערב איינער פארין צווייטען.

אבער אין דיא לעצטע צייטען, אז דיא מלכים אונ דיא שרים משפט'ן מיט יושר אונ גערעכטיגקייט, אונ זיי גיבען אללע פאלקער גלייכע רעכטע, געזעטצע, דינים אונ גערעכטע משפטים, האט זיך אן געהויבען צו פערבעסערען דער בעשטאנד פון אונזער פאלק, וואס א מאל וייטער, ביז מיר האבען געמיינט עס איז שוין נאהענט דיא צייט, אז מיר וועלען ניט זיין ערגער פון אללע

כי דמינו כי קרוב היום אשר בו לא תהיה כל פדות בינינו ובין יתר העמים וחלק כחלק נאכל מטוב הארצות ומשדי הטבע נינק. אפס עוד לא תמו רשעים מן הארץ השואפים לדם רעיהם, והרשעים הזאבים האלה לא מצאו להם כבשה יותר הלשה ויותר רפת כח מעם ישראל, ולכן אך בו בחרו לתתו טרף לשניהם, ויען כי המלכים והשרים ישמרו בעתים הללו ארחות יושר

---

נאציאנען, עס וועט ניט זיין צווישען אונז אונ אנדערע נאציאנען קיין אונטערשיעד. מיר וועלען געניסען פון דעם נאטירליכען גוטם גלייך מיט אללע, אבער ניין, מיר האבען געהאט איין גרויסען טעות, די רשעים זענען ניט פערלענד געוואָרען אויף דער וועלט, דיא אמאליגע פינסטערניש אונ ווילדע דומהייט איז דא נאך גענוג ביא דיא פעלקער.

היינט איז דא מעהר חכמים, מעהר אויף געקלערטע, מען גיבט ארוים פערשיעדענע קלוגע נוצליכע מאשינען, אבער דיא פעלקער, דיא געמיינדע איז נאך גענוג דום, נאך גענוג פינסטער אונ ווילד. זיינען דיא קלוגע רשעים איין געפאללען אויף א גוטען מיטטעל וויא אונז צו פערטיליגען, וויא אונז אוים צו רייסען אונ אפ צומעקען אונז אין גאנצען פון דער וועלט. זייא רעדען אן אויף אונז דעם נארד, דעם פעביל, אט דיא רשעים, די וואלף, דיא אנטיסעמיטען, וואס זיינען דורשטיג צו מענשען בלוט, האבען ניט געפונען קיין שוואכערע שאפפעלע מען זאל קענען איהר גרינג צו רייסען אונ אויף עסען, וויא דאס פאלק ישראל. אויף אונז שוואכע יודעלעך האבען זייא זיך גענומען צו רייסען לעבענדיגער־הייט, אונ זייא האבען אין אמת געפונען א גוטען מיטטעל, עס קען גאר קיין בעססערע עצה ניט זיין וויא אזוי אונז צו קענען גרינג אויף עססען, דאס זייא רייצען אן אויף אונז דעם נארד,

ווארום

והמשפט להם לקו, ומהרשעים האלה יפלא להכותם בלשון, לכן ישימו את פניהם אל המון העם, אשר אור הדעת לא נגה עליו ויסיתו אותם ביהודים להכותם נפש, ולבוז את רכושם ולהצר את צעדיהם, בדברם באזניהם כל היום, כי כל היהודים הם נוכלים ורמאים וכעלוקות ימוצו את דמי כל העמים, אשר בקרבם הם יושבים,

---

ווארום זייא ריכטען מיט רעכט, מיט יושר. האבען זייא געפונען איין בעססערע עצה, זיך קערען צום דומין ווילדען נאראד, דעם המון־עם, זייא איז גרינג אללעם איין צו ריידען, זייא שרייבען אין צייטונגען אונ אין פערשיעדענע בראזשורען, פויקען אונ קלא־פען, דאס אללע יודען זענען, גנבים, רוצחים, מערדערם, נידער־טרעכטיגע, אבמאנשטשיקעס, אשוקאנצעס, פיאפקעס, פארא־זיטין, זייא זיינען נור געבוירען אוים צו שמאטשקען דיא קריסטלי־כע בלוט, מיט איין ווארט: וואס עס איז נור דא איין שאנדליך ווארט אויף דער וועלט, ריידען זייא אויף אונז; אונזער רייכטהום שטעכט זייא דורך, אונ זייא זאגען דעם נאראד, דאס נור פון זייא האבען מיר גענוממען דיא רייכקייט, מיט חיטראסט, מיט פאלש־קייט, מיט גנבה; אונ אונזער ארימקייט שטעכט זייא ווייטער אין דיא אויגען, זייא ווייזען דעם נארעשען נאראד וויא נידריג מיר יודען שטעהען, וויא מיר האבען גאר קיין מענשען געפיהל; גייהען מיר געקלייד גלייך מיט זייא שטעכט זייא אין דיא אויגען אונ פערגינען אונז ניט, ווערט גרוים דיא קנאה; גייהען מיר אנ־דערש געקלייד וויא זייא, לאכען זייא פון אונז אונ מאכען דעם גראססטען געשפאט, ווארום אין מיינסטען טהייל מענשען, זיינען נאך אזוי דום אזוי נארעש אזוי פינסטער, אזוי ווילד, זייא זיינען ניט ווייט אפ געפאהרען פון אמאליגע צייטען, דארום קען מען מיט דיא נאראדען מאכען וואס מען וויל, וואס דיא רשעים דיא

ווילרע

ולאות על דבריהם יספרו תמיד מעשים שהיו ביחידים, אנשי דמים ומרמה, ובכן עת צרה נוראה מאין כמוה הוא ליעקב בימים האלה, מיום היות ישראל לעם לא היה מצבנו רע כמו בעת הזאת. כי הנה לפנים בארצות, אשר גורלנו הוטל רק בידי המלכים והשרים, עוד יכולנו להוכיח צדקתנו לפניהם ולהצטדק, כי לא בכלנו האשם

---

ווילדע קלוגע ווילען, מאכען זייא מיטען נאראד, זייא זוכען אויס מיט ליכט עפעס א חטא אויף א יודעלע, צו פויקען זייא באלד אין דיא צייטונגען אונ שרייבען דעם נאהמען זשיד, דער אונ דער האט געטאהן דעם חטא. זייא דיא אנטיסעמיטען זיינען אונפערר־שעמט אונ מאכען זיך צום נארען אזוי וויא זייא ווייסען גאר ניט, דאס בייא אללע פעלקער מען זאלל וועללען אויס שרייבען אללע חטאים, אללע פעהלערן, אללע עולות, וואס איינצעלנע מענשען טהוען, וואלט געפעהלט פאפיער אויף דער וועלט, מען איז ניט אימשטאנד דאס אויס צו שרייבען, אונ אויף אונזערע יודעלעך אז זייא געפינען נור דאס מינדעסטע לאזען זייא ניט דורך.

דאריבער איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס דער נאראד איז בייז אויף אונז אונ ווילען אונז צו רייסען אזוי וויא אהערינג. זייא, דיא רשעים רייצען אן אויף אונז מען זאלל אונז ראבעווען שלאגען הרגענען אונ שרייען אז עס איז נאך א מצוה. דאריבער זאג איך אייך ליעבע ברידער, אז עס איז היינט אויף אונז יודען אזא עת צרה, אז צייט מיר יודען זיינען אפאלק, האבען מיר נאך אזא שלעכטע צייט ניט געהאט אויף אונז וויא היינט, ווארום אמאל אז אונזער גורל איז געלעגען בייא דיא איינצעלנע מענשען בייא דיא מלכים מיט דיא שרים, האבען מיר נאך געקענט הא־בען האפענונג זיך אויס צו טענה'ן מיט זייא, עס האט זיך נאך גע־פונען בייא אונז מענשען חכמים ונבונים, וואס קענען שטיין פאר

מלכים

אם איש אחד מאתנו חטא. ועתה אל מי נדבר את דברינו? לפני מי נצטדק? הנוכל לאסוף את כל ההמונים ולהוכיח להם, כי לא נופלים אנחנו מהם? מי זה יכול לדין אחד? — בעת הרעה הזאת הננו מרגישים ביושר את אמתת דברי חז"ל: „כל ישראל ערבים זה לזה", ועלינו איפוא לטעת בלבב בנינו אהבה לעמנו ולשנן

מלכים אונ אוים ווייזען מיט חכמה דאס מען קען אונז דעם גאנ־צען כלל ישראל ניט בעשולדיגען צוליעב איינצעלנע זינדיגע מענ־שען, אויף דעם איז דא ארעגירונג וואס גיבט אכטונג צו בעשול־דיגען אונ בעשטראפען דיא זינדיגע מענשען, אונ דיא ארענטליכע מענשען לאזען לעבען אונ זיין צו פרידען. וואס זיינען מיר יודען זינדיגער פאר אללע נאציאנען אויף דער וועלט? אז מען בעשול־דיגט דעם גאנצען נאראד וועגען איינצעלנע מענשען. אונזערע חכמים האבען געזוכט מיטלען וויא זייא זאללען קאנען אוים טענה'ן זיך מיט דיא מלכים.

אבער היינט איז א עת צרה ליעקב, אזא צרה אויף אונז יודען, אז עס איז גאר שוין קיין האפנונג ניט דא, דאס מיר זאללען זיך קאנען אוים ריידען אונ אוים טענה'ן; וויא קאן מען פערזאמ־לען דיא גאנצע וועלט מענשען אונ טענה'ן מיט זייא? עס איז יעטצט אונז אזוי שלעכט אז מיר האבען גאר קיין האפענונג צו פערבעסערען אונזער לאגע נור מיט דעם איין מיטטעל, אונ דאס איז דער בעסטער איינציגער מיטטעל פאר אונז, דאס מיר זאללען וויסען, אז „כל ישראל ערבים זה לזה" יעדער יוד איז פער־אנט־ווארטליך איינער פאר דעם צווייטען.

מיר מוזען איין פלאנצען אין אונזערע קינדער, פון קינדהייט אויף דיא ליעבע צום נאראד, אונ געבען זייא צו ערקלערען אונזער בעשטאנד, דאס מיר קאנען ניט עקסעסטירען ווען מיר

וועלען

להם, כי כל איש הוא אבר העם, כבוד העם הוא כבוד היחיד וגורל העם ואשרו וכבודו הם ביד כל יחיד ויחיד: אם ייטיבו היחידים את דרכיהם ועלילותיהם ויהיו אנשים ישרים ומועילים לעצמם ולאחרים, אז יגדילו את כבוד העם וירימו את מצבו, ואם ישחיתו את דרכם ומעלליהם, אז ירעו גם לנפשם גם לכל העם; חטא אחד של יחיד יוכל להכריע את כל עמנו לכף חובה; יהיה נא איפוא על לוח לבנו חרותים הדברים האלה: „כל ישראל ערבים זה לזה".

---

װעלֶען נִיט הִיטֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדערֶען אוּנ זִיךְ אַללֵיין אַוַדְאַי, אַז מִיר זָאללֶען זַיין אָרֶענְטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען, אוּנ װֶוען אֵיינֶער פוּן אוּנְז פֶערְזִינְדִיגְט, הַרְגֶעת עֶר דֶעם גַאנְצֶען נַארָאד יוּדֶען, װֶוען עֶר אַללֵיין פִיהְרְט זִיךְ שְׁלֶעכְט גֶעגֶען דִי מֶענְשְׁהַייט, טְהוּט עֶר אַ רָעָה דֶעם גַאנְצֶען נַארָאד; עֶר אִיז דֶער נַארָאד, אוּנ דֶער נַארָאד אִיז עֶר; מִיר זַיינֶען נִיט יֶעדְעֶרֶער בֶּעזוּנְדֶער, װִיא אַללֶע נַארָאדֶען, נוּר יֶעדֶער יוּד אִיז פֶערְבּוּנְדֶען צוּם גַאנְצֶען נַארָאד; זַיין כָּבוֹד, עֶהְרֶע אִיז דֶעם פָאלְקְס כָּבוֹד, עֶהְרֶע, אוּנ דֶעם פָאלְקְס כָּבוֹד אִיז זַיין כָּבוֹד; עֶס אִיז אַללֶעס אֵיינְס. יֶעדֶער יוּד, מוּז װִיסֶּען, אַז מִיט זַיין אֵיין חֵטְא גֶעגֶען מֶענְשֶׁען טְהוּט עֶר שְׁלֶעכְטֶס מִילְיָאנֶען בְּרִידֶער זַיינֶע אוּנ דוּרְךְ זַייא װֶערְט אִיהְם אוֹיךְ שְׁלֶעכְט. אוֹיף דֶעם אַללֶעס דַארְף מֶען אַרוֹיס גֶעבֶּען גוּטֶע בִּיכֶער אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ אוּנ זְשַׁארְגָאן פַאר דֶעם פָאלְק, אוּנ זֶעהֶען גוּטֶע רֶעדְנֶערְס, גוּטֶע מַגִּידִים, אוּנ אַללֶע רַבָּנִים זָאללֶען נוּר דְרָשָׁה'נֶען פַארְ'ן נַארָאד, אוּנ בַּייא אַללֶע מְלַמְּדִים אִין דִיא חֲדָרִים זָאלל דָאס זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער לִמּוּד (לֶעהְרְנוּנְג), צוּ גֶעבֶּען זַייא צוּ עֶרְקְלֶערֶען אוּנ אַיין פְּלַאנְצֶען אִין דִיא הֶערְצֶער פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, דָאס „כָּל יִשְׂרָאֵל עֲרֵבִים זֶה לָזֶה".

מיר

# ב.

## למוד אומנות.

עלינו לשמור ולעשות את כל הדברים, אשר צוו לנו חז"ל הנוגעים לקיום העם ולאשרו. הם אמרו: „לעולם ילמד אדם את בנו אומנות, וכל מי שאינו מלמד את בנו אומנות, כאלו מלמדו לסטות". והלל הזקן אמר: „גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מירא שמים". ואולם מסבות הזמן ותהפוכותיו עם כל הרעות הנוראות, אשר כתמם באו עלינו במשך ימי גלותנו הארוכה, הן

# 2.

## צו לערנען א ארבייט.

מיר דארפען היטען אללע מצות, וואס דיא חכמים האבען אונז פערזאגט, וועגען דעם עוויגען גליק פון פאלק. דיא חכמים האבען אזוי געזאגט: „לעולם ילמד אדם את בנו אומנות, וכל מי שאינו מלמד את בנו אומנות כאלו מלמדו לסטות", דאס הייסט: צוויג זאלל אמענש לערנען זיין זאהן א מלאכה, אונ ווער עס לערנט ניט זיין זאהן קיין מלאכה איז גלייך וויא ער לערנט איהם זיין א גזלן א רויבער. הלל הזקן האט געזאגט: „גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מירא שמים", דער מענש, וואס לעבט פון יגיע כפו איז גרעסער פון דעם ירא שמים, דעם פרומען, נור די צרות, וואס מיר האבען געליטען אין אונזער לייגגען גרויסען גלות,

היו בעוכרינו, והן שגרמו לנו להשליך את הדברים הקדושים האלה ככלי אין חפץ בו ולמאס באומנות, ולכן באו עלינו צרות רבות ורעות מאד מאד. המחסור ידכאנו עד לעפר, חרפת רעב נשא ונסבול ובצר לנו נעשה מעשים מגונים הנותנים אותנו לחרפה ולשנינה בתוך העמים שכנינו.

לו העמידו אותנו לדין, כי אתה אולי יכולנו להצטדק, כי לא בנו האשם, כי אך סיבות שונות בכל דור ודור הדיחונו מדרך הישרה, וכי גם משטינינו לו היו תחתינו, כי עתה אולי הרעו עוד לעשות יותר ממנו.

---

האט אונז געבראכט דאצו, אז מיר זאללען פארלאזען דיא הייליגע ווארטער וואס דיא חכמים האבען אונז געזאגט, וואס דאס בעלאנגט אונז אין אונזער גאנצען לעבען, דאס איז לערנען א מלאכה. ליידער טהוען מיר ריכטיג אללעס פערקערט; דער וואס לעבט פון יגיע כפו, דעם בעל מלאכה פערהאססען מיר, מיר שעמען זיך מיט איהם. דאריבער, ליעבע ברידער, איז געקוממען אויף אונז פיעל צרות. דער מאנגעל דריקט אונז צו ביז דער ערד. מיר פערטראגען פיעל שאנדע אונ הונגער, אונ דער נויטה ברייננט אונז דאצו מיר זאללען טהוען אללע שאנדליכע זאכען; דארום זיינען מיר צו שאנדע אונ צו שפאט אין דיא אויגען פון אללע פאלקער אונזערע שכנים.

ווען דיא שונאים וואלטען אונז גענומען צום דין צום משפט, וואלטען מיר זיך געקאננט פערענטפערען, אז ניט אין אונז איז דיא שולד וואס מיר האבען אפ געטראטען פון רעכטען וועג. וואס אונזערע חכמים האבען אונז געלערנט. דאס האבען נור דיא שונאים אונז געבראכט דאצו, אונ ווען זייא אלליין וואלטען געוועזען אויף אונזער ארט, וואלטען זייא אויך ניט בעססער געוועזען,

פיעללייכט

אך מי זה יועידנו למשפט ? ובכן השנאה הולכת הלוך וגבור, הקיסם שבין שנינו היה לקורת בית הבד בעיני העמים, והמדות הטובות שדבקו בנו לאפס תחשבנה ואיש לא ישים אליהן לב. לכן החובה על כל אחד מאתנו להזהיר איש את אחיו לבל יטה מני ארחות יושר ולהתאמץ לשמור את החקים שבין אדם לחברו.

ואולם למען בער כלה את הרע מקרבנו, עלינו להשתדל ולבקש תחבולות נכונות, כי דור יבא לא ישא מחסור; רוחניות כבר יש לנו עד בלי די, רב לנו רב, ורק הגשמיות חסרים אנו. חז"ל אמרו: „אם אין קמח

---

פיעללייכט נאך ערגער. אבער ליידער קיינער נעהמט אונז גיט צום משפט, קיינער פרעגט גאר ניט בייא אונז, זייא וויללען זיך גאר ניט איין־הערען אונזער פאר ענטפערונג. אונ אזוי ווערט דיא שנאה, וואס ווייטער שטארקער אונ שטארקער, אונזערע קלענס־טע פעהלערן איז גרויס בייא זייא אין דיא אויגען, אונ אונזערע גוטע מעלות גוטע זיטטען, וואס מיר האבען, איז בייא זייא גאר ניט חשוב. דאריבער, ליעבע ברידער, איז א חוב אויף יעדען יוד, צו היטטען איינער דעם אנדערען, זייא זאללען ניט אפנייגען פון גוטען וועג, אונ היטטען דיא דינים, וואס בעשטעהט אין מענשליכקייט.

וועגען אפ צו רוימען אללעם שלעכטס פון אונז, דארפען מיר זעהען אויף צו זוכען אללע גוטע עצות, אללע היליגע ווארטער, וואס אונזערע חכמים האבען אונז ארויס געגעבען. דארום דאס דער קינפטיגער דור, אונזערע קינדער זאללען שוין מעהר קיין מאנגעל ניט ליידען. רוחניות (גייסטליכקייט) האבען מיר נאך איבער גענוג, נור גשמיות (מענשליכקייט) פעהלט אונז. דיא חכמים האבען געזאגט: „אם אין קמח אין תורה", ווען עס איז ניט דא

קיין

אין תורה", ואמנם כאשר כבר אמרנו, רק המחיה והכלכלה שאנו חסרים הן בעוכרינו, בעבורן אנוסים אנחנו פעמים רבות לעבור על החקים הישרים, בעבורן הננו נעים ונדים לארבע רוחות השמים ובעבורן הננו עושים מעשים רעים, אשר ישימנו לחרפה בעמים, לכן עלינו להתאמץ וללמוד את בנינו אומנות, או חכמה המחיה את בעליה, הכל לפי מצב ההורים ויכלתם, ולפי כשרונות הנער, ועל כלנו בלי הבדל לקבל על עצמנו לבל נגדל את בנינו בלי אומנות, או חכמה שתהיינה להם למקור מחיה וכלכלה.

---

קיין מעהל, איז ניט דא קיין תורה, אונ אזוי וויא מיר האבען שוין גערעט אז נור דאס, וואס פעהלט אונז פרנסה, ערנערונג, נור דאס בעטריבט אונז, נור וועגען דער פרנסה זיינען מיר גענייט פיהל מאהל צו איבער־געהן דיא רעגירונגס געזעטצע, וועגען דער פרנסה זיינען מיר נע ונד. פערוואגילט אין אללע עקען וועלט, וועגען דער פרנסה טהוען מיר אללעס בייז, אללע געמיינהייטען, אללע נידערטרעכטיגקייט, וואס דאס אללעס מאכט אונז צו שאנדע בייא דיא פאלקער. דאריבער, ליעבע ברידער דארפען מיר זיך זעהען צו שטארקען אונ לעהרנען אונזערע קינדער א מלאכה אדער א חכמה, וואס גיבט ערנעהרונג (פרנסה) דעם מענשען; אללעס נאך דעם בעשטאנד פון דיא עלטערן, וויא זייא קאנען דער לאנגען אונ לויט דיא פעהיגקייטען פון דיא קינדער. מיר דארפען נעהמען אללע אויף זיך דעם הייליגען חוב, מיר זאללען קיינער ניט ערציעהען אונזערע קינדער אהן א מלאכה אדער אהן א חכמה, וואס דאס זאלל זיין א בעשטימטע קוועלע צו פרנסה (ערנעהרונג).

מיר

אל נא נשים כעת את לבנו אל עוני האומנים שלנו, דלותם ושפל מצבם והתחרות שביניהם. עלינו לדעת, כי כל זאת היא, מפני שהעבודה והמלאכה נבזית הן בעינינו מאד, ולכן עד כה רק העניים והאביונים והאנשים מדלת העם מסרו את בניהם לאומנות, וכל איש אשר לא חפץ להיות לבוז לא אבה לעשות את בנו לאומן למען היותו בזוי ושפל בעיני המיוחסים, והנערים, אשר נמסרו לאומנות היו לבורים והדיוטים גמורים, ורבם ככלם לא ידעו קרוא וכתוב ולחשוב חשבונותיהם וגם את מלאכתם לא למדו על בוריה, כי איש יהודי לא יוכל להיות רוק בלי אשה ולא יחשב

---

מיר זאללען ניט קוקען, ליעבע ברידער, אויף דיא ארימ־קייט פון אונזערע בעלי מלאכות, זייער נידעריגען בעשטאנד, זייער גרויסע קאנקורענציע, ווארום דאס איז אללעס, ווייל דיא ארבייט, דיא מלאכות זיינען זעהר שאנדליך ביי אונז אין דיא אויגען. דאריבער האבען ביז יעטצט נור דיא ארעמע לייט, דיא אביונים, דער געמיינער פעביל אפ געגעבען זייערע קינדער צו א מלאכה, אבער ווער עס האט נור געהאט עפעס אשטיקעל עהרע (כבוד), האט ניט געוואלט אפ געבען זיין זאהן צו אמייסטער, דארום ער זאלל ניט ווערען פארשעמט, ער זאל ניט צו שאנדע ווערען ביי אונזערע מיוחסים. דאריבער איז דיא יונגלעך וואס זיינען אפ געגעבען געווארען צו מייסטערס, געווארען פראסטע מענשען, בורים, עמי־הארצים. זייא האבען ניט געהאט ביי זיך קיין עהרע געפיהל, זייא זיינען ביי זיך אלליין אין דיא אויגען געוועזען זעהר נידעריג, זייא האבען ניט געקענט ניט לערנען, ניט שרייבען אונ ניט רעכנען. דיא ארבייט זייער מלאכה האבען זייא אויך ניט געקענט, ווארום א יוד מוז דאך פריה חתונה האבען, ער

לאיש בין קהל היהודים ובבתי כנסיות אם לא יתעטף בטלית ולא ישא רחים על צוארו, ואחרי קחתו לו אשה כבר עמוס הוא משא לעיף — ומתי איפוא ילמוד את האומנות על בוריה? ומאשר הוא גבר לא למד ולא ידע מה שיעשה מחוץ לד' אמותיו ומה המלאכה דורשת מאתו ואיה מקום דרישת מעשי ידיו, לכן מצבו הוא ברע תמיד, חסר לחם הנהו וגם בזוי ושפל הוא, וזאת היא הסבה, אשר הב"ב, הבינונים ומה גם העשירים לא יאבו למסור את בניהם לאומנות, והא בהא תליא: מצב האומנים הוא ברע, יען כי רק אנשים מדלת העם והעניים והאביונים ימסרו את בניהם לאומנות, והבינונים

---

ער ווערט גאר ניט גערעכענט פאר קיין מענש ווען ער טראגט ניט אין שול קיין טלית, אונ ער טראגט ניט דעם יאך פון אַ־פרויא, אונ אז ער האט שוין חתונה איז ער שוין בעלאדען אויף זיך מיט אַ גרויסע משא. נוא ווען זשע קען אַ יוד זיך אויס לערנען גוט דיא אַרבייט? אונ דאצו איז ער ניט קיין געלעהרנטער מענש אונ ווייס ניט, וואס טהיט זיך בייא איהם אויסערן שטאט, אונ ווייס ניט וואס דיא מלאכה פאדערט פון איהם, אונ וואו עס פאדערט זיין אַרבייט. דארום איז ניט קיין וואונדער וואס דער בעשטאנד פון דעם יודישען בעל מלאכה איז זעהר שלעכט. ער האט ניט קיין ברויט אונ איז אַ בזוי, אַנידעריגער מענש, אונ דאריבער ווייל מען זעהט דיא לאגע פון דיא בעלי־מלאכות אַזוי שלעכט, דאריבער געבען דיא מיטעלע מענשען אונ דיא גבירים אַ ודאי ניט אָפּ זייערע קינדער פאר בעלי־מלאכות. דאס איז אַנגיוועגט איינס אין אַנדערן. דאריבער איז דער בעשטאנד פון דיא בעלי־מלאכות שלעכט, ווייל נור דיא געמיינע לייט געבען אָפּ זייערע קינדער צו בעלי־מלאכות, אונ דאריבער געבען דיא

מיטעלע

והעשירים ימנעו מתת את בניהם על יד האומנים, יען כי האומנים הם שפלים ובזוים וחסרי לחם. ובכן „סובב סובב הולך הרוח, ועל סביבותיו שב הרוח”.

ואולם לא ידעו בני עמנו את האומנות על בורין, לו השכילו לדעת מה הנה דורשות מבעליהן, כי עתה לא ידעו עוני וכבודם היה גדול מאד בעיני העם, ואז גם העשירים שבנו, כעשירי יתר העמים למדו את בניהם אומנות ומצב האומנים והאומנות הלך הלוך וגדול.

ובכן כל איש החפץ למסור את בנו לאומנות עליו לדעת, כי אם לא ישתלם היטב במלאכתו וכל עוד לא ילמוד אותה לכל פרטיה ודקדוקיה, למען אשר יוכל

---

מיטעלע מענשען אונ דיא רייכע גיט אפ זייערע קינדער פאר בעלי־מלאכות, ווייל זיי זעהען דיא אללע אידישע בעלי־מלאכות זיינען אביונים קבצנים אונ פערשעמטע נידעריגע מענשען. אט אזויא פיהרט זיך דיא אידישע וועלט, אונ דיא ענדע איז זייער שלעכט.

אבער, ליעבע ברידער, ווען מיין פאלקס קינדער וואלטען געוואוסט אונ פערשטאנען גוט דיא מלאכה, זייא וואלטען געוואוסט דיא פראגראמע וואס דיא ארבייט פאדערט פון זיי, וואלטען זייא יעטצט ניט געוואוסט פון קיין ארימקייט אונ זייער עהרע וואלט געוועזען גרויס ביי דעם פאלק. דאמאלס וואלטען שוין אונזערע גבירים אויך אפגעגעבען זייערע קינדער צוא ארבייט אזויא וויא דיא גבירים פון אללע פאלקער. דאנן וואלט שוין געוועזען דער בעשטאנד פון דער ארבייט וואס ווייטער גראססער אונ גראססער.

דארום, ליעבע ברידער, ווער עס וויל אפגעבען זיין קינד צוא אמלאכה דארף ער דאס אללעם וויסען אויב ער וועט זיך ניט אויסלערנען גוט דיא ארבייט ראיעל אויף ריכטיג אז ער זאלל

קענען

להוציא מתחת ידו מלאכה שלמה ומתוקנה, אשר לא יבוש בה גם לפני שרים וגדולי ארץ אז צפוי הוא אלי עוני ועתיד הוא לשאת חרפת רעב ולסבול כל יד מחסור. המלאכה מעשרת את בעליה, רק אם ידעו אותה על בוריה ואינם נבערים מדעת. עלינו אפוא לחנוך לכל נער לפי דרכו, ערכו וכשרונו, ללמדו אומנות, או הכמה למען אשר ימצא בנקל את לחמו בהיותו לאיש ולא יהיה עמוס על שכם הוריו. עלינו לבזות בעיני ילדינו עוד בהיותם בימי ילדותם את כל הולך בטל ורועי רוח המשפיל א"ע בעד פתותי לחם ולהרים בעיניהם את

---

קענען ארויס געבען א רעכט שטיקעל ארבייט, אונ ער זאלל זיך ניט שעמען מיט זיין ארבייט פאר צוא שטעללען פיר דיא גראסטע לייט, זאלל ער וויססען אז ער וועט זיין א מחוסר לחם אהן ברויט, אונ וועט האבען גרויס מאנגעל אונ ער וועט זיין א עוויגער קבצן. דיא מלאכה מאכט רייך דעם ארבייטער, נור דאנן ווען ער קען דיא ארבייט קינצליך גוט, אונ איז ניט קיין אונוויסענדער. מיר דארפען לעהרנען אונזערע קינדער יעדערין נאך זיין בעשטאנד אונ לויט זיינע פעאיגקייטען אדער א מלאכה אדער א חכמה אז זייא זאללען קענען דערנאך געפינען גרינג זייער פרנסה, ווען זייא וועלין ווערן מענשען זיי זאללען ניט זיין אנגעלייגט אויף דיא פלייצעס פון דיא עלטערען ווען זייא וועלין גרויס ווערען. מיר דארפען אונזערע קינדער איין ווארצלען ווען זיי זיינען נאך קליין דעם האסס צוא ליידיג געהען, מען דארף שאנדען פיר דיא קליינע קינדער דיא ליידיג געהער, דיא ווינד מענשען וואס זוכען זייער ברוט פון לופט אונ מאכען זיך נידערטראכטיג אונ צוא שאנדע צו ליב זייער שטיקעל ברויט, אזאלכע מענשען דארף מען מאכען בייא דיא קליינע קינדער פאן קינדוויים אהן צוא אש אונ צוא

בלאטע

ערך העבודה ויגיעת כפים. עלינו לשים לב וללמוד לעשות ככל אשר יעשו בני העמים אחרים בדבר חנוך בניהם. בן עם אחר מאושר הוא בעולם אם ירבו בניו וגם כבוד ביתו ירבה ובן עמנו אמלל הוא בחייו אם יוליד בנים הרבה *), בני עמים אחרים לא ידאגו לבניהם בבואם באנשים, כי ידאגו להם בעודם קטנים וימסרום לאומנות, או לעבודה אחרת כל אחד לפי ערכו באין

*) לבד בפה ווארשא, אשר יושביה יתנהגו ע"פ רוב לפי רוח איראפא בדבר העבודה והמלאכה.

בלאטע, אונ צוא שעטצען אונ מאכען טהייער בייא דיא קינדער אין די אויגען אלע ארבייטער מענשען וואס לעבען פון יגיע כפים. דארום אז זייא זאללען ווערען איינגעפלאנצט מיט דער נאטור צוא זיין ארבייטס מענשען ניט קיין ליידיג געהער. יעדער נאך זיין ארט נאך זיין בעשטאנד אונ ליבען אונ שעטצען דיא יגיעת כפים, אזוי וויא אללע פאלקער לערנען זייערע קינדער. בייא אללע פאלקער איז דער גליקליך, ווער עס האט מעהר קינדער, אונ דיא עהרע פון זיין הויז ווערט גראססער, אונ בייא אונזערע ברידער דער איז פערשניטען אין זיין גאנצען לעבען, דער פאלט אונטער דער משא, ווען ער האט פיל קינדער. (אויסער היער אין ווארשא פיהרען זיך אממייסטען אונזערע ברידער וועגען דיא ארבייט וויא אנדערע פאלקער דארום איז זיי טאקע ניכט אזויא שלעכט). אללע מענשען פון דער וועלט דאגה'ן ניט פאר זייערע קינדער ווען זייא ווערען גרויס ווען זיי ווערין מענשין, ווייל די עלטערין דאגה'ן פיר דיא קינדער ווען זייא זיינען קליין אונ בעזארגען זייא מיט א פרנסה קינדוויים אהן יעדער נאך זיין ערך נאך, זא ארום זא רייך, אללע אהן א אונטערשייד, פערזארגען דיא קינדער מיט

מלאכה

הבדל בין העני והעשיר, ובני עמנו ידאגו לבניהם רק להשיאם נשים ולמסור בידיהם נדה.

אחי היקרים! אם לא נשים לב לתקן את חנוך בנינו ואם נתנהג עוד כמקדם, אז אין כל עצה ואין כל תחבולה להרים את קרננו בכבוד ולהיטיב את מצבנו, גם בנין ציון, גם השתדלות כל חכמי ישראל וקציניו

---

א מלאכה מיט א פראפעסיע. אונ אונזערע ברידער דאגה'ן נור פיר דיא קינדער צוא מאכען זייא חתונה, נאר דאס איז זייער וואונש צו דערלעבען דעם קינד פירען אונטער דער חפה געבען נדן. אבער דערנאך צוא זיי וועלען האבען ברויט צוא ניין, דאס דאגה'ן גאר ניט דיא עלטערן אבער וואס לאסט זיך אוים דיא ענדע פון אזא חנוך, אזא פיהרונג, מיר זיינען גאר ניט אימשטאנדע פאר צו שטעללען דיא צרות וואס דיא עלטערן ליידען פון דיא קינדער ביז אין גרוב. זייא געהען אום שווארץ וויא א גלאוונע: דיא קאפף דארט, די הארץ טהוט וועה, אז עס איז גאר אונמעגליך ארוים צוא געבען אויפ'ן פאפיער אונזערע צרות, נור דער פאר, וואס מיר פערזארגען ניט אונזערע קינדער פון קליין-וויים אויף מיט א פראפעסיע.

ליעבע ברידער, אויב מיר וועלין זיך ניט נעהמען ענערגיע צו פארריכטען אונזער חנוך הבנים, דיא קינדער ערציהונג, אויב מיר וועלין זיך פיהרען מיט דיא קינדער וויא פריהער, איז גאר קיין האפפנונג ניט פאראנען אויף צו הייבען אונזערע ביטטערע לאגע אונ צוא פערבעססערען דעם פינצטערן בעשטאנד.

אפילו דער בנין ציון אויך דיא אללע ארבייט פון אונזערע חכמים אונד אונזערע מיליאנען, אונ אללע גרויסע אמת'ע בעלי־

טובות

וחריצותם לא יועילו לנו מאומה, ואך לשוא יהיה כל עמל מאשרינו חפצי אשרנו, כי איך נוכל להיות לעם מאושר עם חנוך כזה, אשר ההורים ישאו את עול בניהם גם כאשר יגדלו והיו לאנשים, ולזאת ירבצו ההורים תחת עול משא כבד מנשוא והבנים ישארו לבסוף באין משען ומשענה, לכן עלינו לתקן עם בנינו דור יבא אחרינו את אשר עותו אבותינו עמנו, עלינו להתאמץ ולעשות כמתוקנים שבעמים ולא להתבייש

---

טובות מיט זייערע פיל קראפטען וועלין אונז גאר ניט העלפען. עס איז ליידער אומזאנסט דיא גאנצע מיהע פון אונזערע פאר־שטעהער אונזערע גוטע ליבע מנהיגים, פיהרער, וואס פערלאנגען אונזער גליק, איז אללעס אומזאנסט, ווארום ווי אזוי קענען מיר זיין א גליקליך פאלק, אז דיא עלטערן טראגען דעם יאך פון זייערע קינדער ווען זיי זיינען שוין מענשען, דאריבער פאללען די עלטערין אונטער דעם שווערען יאך אז זיי קענען שוין ניט אויף שטעהן, דיא עלטערן געהען אם מיינסטען אוועק פריה פון דער וועלט נאר צוליעב דיא קינדער, זייא קענען ניט איבער טראגען דעם גרויסען לאסט אויך דיא קינדער בלייבען דער נאך אהן ברויט אונ אהן שטיצע.

דארום, ליבע ברידער, דארפען מיר פעררעכטען מיט אונזערע קינדער מיט'ן קינפטיגען דור, דאס וואס אונזערע עלטערן האבען מיט' אונז קאליע געמאכט. מיר דארפען זעהען אויס בעסערען אלע אונזערע פעהלערן וואס עס פיהרט זיך שוין פון לאנגע צייטען. מיר דארפען אויס זוכען בייא אללע פאלקער זייערע מעלות, אונ נאך טהון זייערע מעלות, אבער ניט זייערע פעהלערין, מיר דארפען זיך גאר ניט שעמען צוא לערנען זיך גוטעס פון זייא

ללמוד מהם כשם שלא בוש הכומר הגדול באדעססא להטיף לעמו בבית מקדשו להעיר למוסר אזני הנוצרים, כי בדבר השכרון וחיי המשפחה ילמדו לעשות כמעשי היהודים, אשר רבם לא ישתו לשכרה מימיהם וקשורים הם בעבותות אהבה אל בני משפחתם. כל מדה טובה, הנהגה טובה ולקח טוב, אשר נראה בין העמים נרכוש גם לנו לאשרנו ולעשרנו. נאסוף את הזרעונים הטובים למחיה ולכלכל הגוף והנפש בכל מקום מושבותינו ואת הפסולת נזרה הלאה.

מלבד האומנות נתאמץ ללמד את בנינו תורת הדת והדעת, תולדות עמנו ודברי ימיו, נטע נא בלבבם

---

אזויא וויא דער אדעססאר ארחירייי, דער אבער גייסטליכער האט זיך ניט געשעמט זאגען מוסר אין קירכע אז זייא זאללען זיך לערנען וועגען שכרות און וועגען גוטען פאמיליען לעבען, פון די אידען. זייא זאללען אויך ניט שיכער'ן, און לעבען א גוטען פאמיליען לעבען וויא די אידען אזויא דארפען מיר אויך אויס קלויבען די קערנער פון די שטרויא, מיר דארפען אויסזוכען אלע גוטע מעלות אללע גוטע מדות אללע גוטע שיינע מנהגים וואו עס געפינט זיך ביא אללע נאראדען אין דער וועלט, דארפען מיר אללעס לערנען און מקיים זיין, זאללען מיר אויסקלויבען אללע גוטע קערנער, וואס דאס גיבט שפייז און ערנערונג פאר'ן גוף און פאר די נשמה און די פסולת זאללען מיר ארויס ווארפען.

אויסער די מלאכה זאללען מיר לערנען אונזערע קינדער די רעליגיאנס וויססענשאפט אידישקייט, און די וועלט וויססענשאפט, די געשיכטע פון אונזער פאלק ישראל. מיט זיין גאנצע היסטאריע. מיר זאללען איינפלאנצען אין

אונזערע

אהבה לעמם ולכל אדם, וגם דעת העולם בלבבם, כי האומן, אף אם אומנתו בידו ויודע הוא אותה על בוריה לא יוכל להתקיים ולהתפרנס ברוחה אם לא ידע את שפת הממשלה ושפת המדינה, את נמוסי הארץ ואת המקומות שבהם דרושים מעשי ידיו.

עורו נא והתעוררו כל סופרי עמנו, חכמינו ומשכילינו, קצינינו רבנינו, צדיקינו חסידינו, מתנגדינו וכל ראשי החברות הרבות בתוכנו! תנו יד איש לרעהו חזקו ואמצו ויסדו ברשיון הממשלה חברה כללית, להיטיב

---

אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער לִיבֶּע צוּם נָארְד אוּנ צוּ אַללֶע מֶענְטְשֶׁען אוּנ גֶעבֶּען זַייא בִּילְדוּנְג גְלַייךְ מִיט דֶער מְלָאכָה, ווָארוּם דֶער מַייסְטֶער דֶער בַּעַל־מְלָאכָה, ווֶען עֶר קֶען אֲפִילוּ גוּט דִיא אַרְבֵּייט נוּר אוֹיבּ עֶר קֶען נִיט דִיא רֶעגִירוּנְגְס שְׁפְּרַאכֶע אוּנ דָאס פָאלְקְס שְׁפְּרַאכֶע וואוּ עֶר וואוֹהְנְט אִין דֶער לַאנְד אוּנ אוֹיבּ עֶר ווֵייס נִיט ווִיא צוּא הַאלְטֶען זִיךְ דֶעם דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּנ אוֹיבּ עֶר ווֵייס נִיט דִיא אָרְטֶער ווֶעלְכֶע פָאדֶערִין זַיין אַרְבֵּייט, דָאס אַללֶעס אַז עֶר ווֵייס נִיט קֶען עֶר קֵיין פַּרְנָסָה נִיט הָאבֶּען.

אַלְזָא, לִיבֶּע בְּרִידֶער, עֶרְווֶעקְט זִיךְ אַללֶע שְׁרַייבֶּער אַללֶע מַשְׂכִּילִים, אַללֶע גֶעלֶעהרְנְטֶע מֶענְשֶׁען אַללֶע גְבִירִים, אַללֶע גֶע־בִּילְדֶעטֶע גְרוֹיסֶע לַייט, אַללֶע רַבָּנִים, אַללֶע צַדִיקִים אַללֶע חֲסִידִים, אַללֶע מִתְנַגְדִים אַללֶע בַּעֲלֵי־טוֹבָה־נְיֶקעס, אַללֶע, וואס פִירֶען גֶעזֶעלְשַׁאפְטֶען, וואס זַיינֶען זִיךְ עוֹסֵק אִין טוֹבַת הַכְּלָל, זָאללֶען מִיר זִיךְ אַללֶע נֶעהמֶען דֶערְצוּ, אַללֶע ווִי אַיין מֶענְשׁ, צוּם חִנוּךְ הַבָּנִים נָאר צוּם גוּטֶען עֶרְצִיהוּנְג אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. מִיר זָאללִין זֶעהֶען גְרִינְדֶען מִיט דֶער עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ פוּן דֶער רֶעגִירוּנְג אַ זַא אַלְגֶעמַיינֶע חֶבְרָה נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּנ גוּט עֶרְצִיהֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַז

זייא

את מעמדנו הגשמי, הקימו נא מטיפים חרוצים, אשר יטיפו לעמנו וילמדוהו להוקיר ולחבב את האומנות. וגם על הרבנים לדרוש השכם ודרוש על גודל ערך הנהנה מיגיע כפו, עלינו להוציא גם ספרים בשפה המדוברת ולחלקם בתוך הנערים, ותוכנם יהיה מורה לפניהם את הדרך ילכו בה, ויבינם בינה להבין את מצבם בעמים ואשר להם לעשות למען היותם לאנשים מועילים לעצמם ולאחרים, ואז אם אך יחדל המחסור מהציק לנו ימעטו מאד עושי העול מקרב בני עמנו ולא נהיה עוד

---

זיא זאללען ליעב האבען דיא מלאכה, אונ זאללען דאס האלטען פאר א חוב פאר א עהרע צו קענען א ארבייט, יעדערער לויט ער קען דערגרייכען, מיר דארפען זעהען ארויס שיקען אין אללע שטאדט, מגידים, זאגערס, פרעדיגער, מען זאל נור זאגען אונ דרשענען איממער אין אללע שולען, אין אללע בתי מדרשים, אז מען זאלל אנהייבען ליבען דיא מלאכה. אונ דיא רבנים דארפען אויך שטאנדיג דרשענען אונ ניט אויף הערען צוא דרשענען נור צוא בעליבען ביי אונזערע קינדער די אומנות אונ מיר זאללען ארויס געבען ווענען דעם גוטע ביכער אויף לשון קודש אונ אויף שזארגאן אונ צו פערשפרייטען צווישען נארארד, לעהרנען זייא וויא זייא דארפען זיך צוא פיהרען, זייא זאללען פערשטיין זייער בעשטאנד צווישען דיא פאלקער, אונ וויא זייא זאללען קענען זיין נוטציג פאר זיך אונ פאר אנדערע, אונ מען זאלל שוין ניט דארפען ליידען קיין מאנגעל מיר זאללען פאר־בעססערען אונזערע פרנסות.

דאמאלס וועט ביי אונז זיין וועניגער גנבים וועניגער מענשען וואס טהוען עולות, וועניגער ליידיג געהער, וואס דאס

לוידיג

לשמצה וכבודנו ירים מאד.

---

## ג.

## אורחים הגונים.

בארצות, אשר תושביהם היהודים הם נרדפים ונענים, עלינו לטעת בלב ילדי בני ישראל את דעת מצבם, כי אך „אורחים" הם ולא „בעלי־בתים". בארצנו, ארץ רוסיא האדירה, כבר נגה אור ההשכלה, ובה לא יושם פדות בין איש לאיש וכל הנברא בצלם אלהים, בלי הבדל דת ולאום יהנה מכל זכיות הארץ, וכמובן

---

ליידיג געהען. בריינגט צו אללע פערברעכין, מען וועט ניט זעהען ביא אונז גענוונטע מענשען זאללען געהען איבער דיא הייזער, מיר וועלען שוין ניט זיין צוא שאנדע וויא מיר זיינען יעטצט אונ אונזער כבוד וועט גרויס ווערין.

---

## 3.

## אורחים הגונים. ארענטליכע געעהרטע גאסטע.

אין דיא לענדער וואו מיר זיינען געדריקט אונ געפייניגט, דארפען מיר איינפלאנצען אין דיא הערצער פון די אידישע קינדער, זיי זאללען וויסען זייער בעשטאנד, אז זייא זיינען נור אורחים, גאסטע אבער ניט קיין בעלי־בתים אונ געדענקען שטענדיג אז זייא זיינען גערעכענט ביא זייערע שכנים נור פיר

גאסטע

לא אדבר בזה על היהודים יושבי ארצנו ואולם על אחינו יושבי יתר הארצות לדעת ולזכור תמיד, כי לאורחים נחשבו בעיני שכניהם ועליהם להורות את בניהם תורת האורחים ומשפטם ואיך יתנהגו עם עם האזרחים „בעלי הבתים״.

וזאת תורת האורח: בבואו לבית איש זר יתנהג בנימוס ובדרך ארץ יותר מבעל הבית בעצמו, בשבתו אל השלחן ישב ישר ואוכל, ידיו ורגליו יחזיק בקו המשקל וכל תנועותיו יהיו בפלס המשפט ודרך הארץ, ואם חלילה לא ישמור את חקי דרך ארץ כיאות לאורח אף אם אדם גדול הוא והנהו יושב בבית איש נקלה ממנו ישפל בעיני הבעל הבית ויחזיק את האורח לבן

---

גֶאסְטֶע אוּנ זֵייא דַארְפֶען לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דִיא לֶעהְרֶע פוּן גֶאסְט, אוּנ זֵייעֶרֶע פְרַאוֶועס, זֵייא זָאלְלֶען וִויסֶען וִויא גֶאסְט דַארְפֶען זִיךְ פִיהְרֶען מִיט זֵייעֶרֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים.

אַזוֹי אִיז דִיא תּוֹרָה דִיא לֶעהְרֶע פוּן אַ גַאסְט: אַ גַאסְט אַז עֶר קוּמְט אַרַיין אִין אַ פְרֶעמְדֶע הוֹיז דַארְף עֶר זִיךְ פִיהְרֶען מִיט דֶרֶךְ־אֶרֶץ, מִיט אֵיידִילְקֵייט, מֶעהְר אַלְס דֶער בַּעַל הַבַּיִת אַלְלֵיין, וֶוען מֶען זִיצְט בַּייא יֶענֶעמְס טִישׁ אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער אַז מֶען זִיצְט גְלַייךְ מִיט דֶרֶךְ־אֶרֶץ, נִיט אַזוֹי צוּ שְׁפְּרֵייטֶען זִיךְ וִויא דֶער בַּעַל־הַבַּיִת בַּייא זִיךְ אִין שְׁטוּבּ עֶר מוּז זִיךְ אַלְלֶעס פִיהְרֶען דַאלִיקַאט, אַרְטִיג, אָבֶּער וֶוען חָלִילָה עֶר פִיהְרְט זִיךְ נִיט מִיט אַזאַ דֶרֶךְ אֶרֶץ, וִויא עֶס פַּאסְט פַאר אַ גַאסְט עֶר מֶעג אֲפִילוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער מֶענְשׁ אוּנ זִיטְצְט בַּיי פִיעל אַקְלֶענֶערֶען מֶענְשֶׁען פוּן אִיהם, אִיז אוֹיבּ עֶר פִיהְרְט זִיךְ נִיט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וִויא עֶס פַּאסְט פַאר אַ פְרֶעמְדֶען מֶענְשֶׁען, הַאלְט אִיהם דֶער בַּעַל הַבַּיִת פַאר נִיט קֵיין

בעל

בלי תרבות, אבל אדון הבית הוא בן חורין והרשות בידו להתנהג ככל אשר יחפץ ואיש לא יעיז לשום בו דופי, וגם אשר אמרתי לעיל, כי התושבים יחזיקו את האורחים הם הגרים לערבים זה בזה, אם גר אחד יחטא ועל כל עדת הגרים האשם, לכן עלינו ללמד את ילדי בני ישראל לדעת, כי אך אורחים הם וישתדלו להיות אורחים הגונים ונכבדים ולהתבונן היטב על כל מעשיהם ותהלוכותיהם לבל יעוררו עליהם את חמת בעלי

---

בעל דרך ארץ, אונ ער ווערט פיל בערעט. דערפאר אבער דער בעל הבית בייא זיך אין שטוב איז פרייא צוא פיהרען זיך, וויא איהם געלוסט, וויא ער זיצט אונ וויא ער שטייט, וואו ער רירט זיך איז איהם אללעס פרייא, ער פאלט גאר בייא קיינעם ניט אראפ דערפאר, וואס ער פיהרט זיך בייא זיך אין שטוב ניט אזוי ארטיג, דאס איז איינס וואס דער גאסט דארף וויסען. אונ צווייטענס דארף ער וויסען אז דיא אורחים דיא גרים אללע זיינען ערב איינער פאר'ן צווייטען וויא איך האב אויבען געשריבען. דיא איינוואהנער דיא ב"ב ציילען דיא זינד פון דיא פרעמדע אויף דיא פינגער, אונ ווען איין גר זינדיגט זיינען אללע גרים שולדיג „כל ישראל ערבים זה לזה" דאריבער דארפען מיר לערנען אונזערע קינדער פון קינדהייט אן אונ דיא פרעמדע לענדער זייא זאללען וויסען אז זיי זיינען אורחים געסטע אונ זיי זאללען זיך זעהען סטארען צו זיין ארענטליכע געסט אונ ארטיגע, זייא זאללען זיך גוט פילנעווען מיט זייערע מעשים מיט זייער אויפפיהרונג, אז זייא זאללען ניט ערוועקען דעם צארן פון דיא בעלי-בתים. זייא מוזען זיך פיהרען ארטיגער ווי די בעלי-בתישע קינדער, נור דאס זאללען זייא אויך וויסען, אז זייא דארפען

ניט

הבתים וגם בל יקלו בעיניהם מבלי להרגיש את פגיעת כבודם וכבוד עמם מן הב"ב. עליהם לתבוע את עלבונם ואת גזל משפטם אורח הגון בכל אשר ידם משגת במשפט ובנימוס, כי אין הצדקה לאיש למחול ולסלוח על פגיעת כבוד עמו אף כי נאה ויאה לאדם לסלוח על עלבון עצמו, גם יזכרו, כי עליהם לשום לב יותר ויותר על דרכיהם ומעלליהם מכל יתר העמים, כי מה

---

נִיט זַיין גְרִינְג גֶעפַאללֶען בַּייא זִיךְ אִין דִיא אויגֶען. זַייא דַארְפֶען שְׁטֶאלְצִירֶען אַלְס אֶרֶענְטְלִיכֶע אַרְטִיגֶע גֶאסְטֶע זַיי זָאללֶען פִיהלֶען בַּייא זִיךְ זַייעֶר עֶהרֶע אוּנ זִיךְ נִיט לָאזֶען בֶּעשְׁמוּצֶען זַייעֶר עֶהרֶע פוּן דִיא בַּעֲלֵי־בָּתִּים גֶעגֶען דֶעם גֶערִיכְט, זַייא דַארְפֶען אויךְ פָאדֶערֶען פוּן דִיא בַּעֲלֵי בָּתִּים זַייעֶר גֶאסְטֶע רֶעכְט, וְויא וַוייט זַייא קֶענֶען עֶרְגְרֵייכֶען מִיט'ן דִין אוּנ מִיט'ן מִשְׁפָּט, נוּר אַללֶעס גֶעלַאסֶען מִיט'ן רִיכְט, מִיט דֶער לַאנְדֶעס גִיזֶעץ, וָואס זַייא הָאבֶּען, זָאללֶען זַייא פָאדֶערִין אַלְס זַייעֶרְס. מִיט שְׁטִילְקֵייט מִיט רִיכְט אוּיס טַעֲנֶן זִיךְ אוּיס וַוייזֶען מִיט קְלוּגֶע וִיכּוּחִים אַז זַייא זַיינֶען גֶערֶעכְט אוּנ דִיא עֶהרֶע פוּן זַייעֶר פָאלְק הָאבֶּען זַייא נִיט קֵיין רֶעכְט צוּ שַׁיינְקֶען, אַמֶענְשׁ קֶען מוֹחֵל זַיין זַיין עֶהרֶע. אָבֶּער דֶער פָאלְקְס עֶהרֶע טָאר מֶען נִיט מוֹחֵל זַיין, פֶערְצַייעֶן, נוּר וְוִי וַוייט מֶען קֶען דַארְף מֶען אוּיסְצַייגֶען דִיא עֶהרֶע פוּן זַיין פָאלְק. יֶעדֶער דַארְף זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירֶען נוּר מִיט דֶעם כָּבוֹד פוּן זַיין פָאלְק. דָאס אִיז זַיין אֵיינֶענֶע עֶהרֶע. אוּנ מִיט דֶער עֶהרֶע פוּן פָאלְק שְׁטָאלְצִירְט דֶער מֶענְשׁ. דָאס אַללֶעס דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַללֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז זַייא מוּזֶען זִיךְ אוּמְקוּקֶען אוּיף זַייעֶרֶע וֶועגֶען, אוּיפְפִיהרוּנְג, אַז זַייא זָאללֶען זַיין אֶרֶענְטְלִיךְ מֶעהר אַלְס אַנְדֶערֶע פָאלְקְס קִינְדֶער, וָוארוּם דָאס וָואס פַאר זַייא אִיזְט נִיט קֵיין

פעהלער

דלדידהו לא הוי מומא, לדידן הוי מומא, ומה שמותר לבעל הבית, אסור לאורח.

הזהרו, אחי היקרים, מאד מאד וזכרו תמיד את הדבר הזה להחשב כאורחים הגונים בכל מקומות מושבותיכם ולמדו זאת לבניכם, למען דעתם

---

פעהלער, אונ פאר אונז קען דאס זיין א פעהלער, אונ דאס, וואס דער בעל הבית מעג, טאר דער אורח ניט. מיר זיינען ניט גלייך צו דיא בעלי בתים, מיר מוזען זיין ארענטליכע מענשען אונ אויב ניט הייסען זייא אונז ארויס געהן פון אללע טהיילען וועלט. מיר יודין זיינען געגליכען צום אמת, דער שפר׳ך־ווארט זאגט אז דער אמת געהט אויס דיא גאנצע וועלט, ווארום יעדערער שיקט איהם ווייטער, אזויא איז דער יוד איבעראלל זאגט מען איהם: געה קיין פאלעסטינע, קומט ער קיין פאלעסטינא שיקט מען איהם ווייטער, אלזא מוזען מיר זיין ארענטליך, אבער דער בעל הבית וועד ער איז אונ וואס ער טהוט איז איהם אללעס פרייא. ווער האט דאס אהאזע צו ריידען אויפ׳ן בעל הבית? ער וועט דיר אללע ביינער צו ברעכען, ווען דוא וועסט איהם זאגען זיינע חטאים. שטילל שווייג, היט, האלט דיין צונג. ניט רעד, ווארום ער וועט דיר דיין מוח צוא שפאלטען דרך ארץ תרבות אורח.

ליעבע ברידער, האלט דאס ניט פארגרינג אונ געדיינקט דאס, אונ נעהמט דאס אויפ׳ן זינען, אז איהר מוסט זיך סטארען זיין ארענטליכע מענשען, אונ פארשטיין וויא אגאסט דארף זיך פיהרען מיט׳ן בעל הבית; איהר זאלט דאס לערנען די קינדער

אז

את ערכם ויחוסם אל יתר התושבים.

---

# ד.

## מנהגים טובים.

„מנהג ישראל תורה היא”, לפי דעת הירושלמי והפוסקים, ואמנם אנחנו ב"י הננו שומרים את המנהגים ומוקירים ומחבבים אותם עוד יותר מדיני התורה, וכל

---

אַז זֵייא זָאללֶען ווִיססֶען זֵייעֶר לַאגֶע, אוּנ זֵייעֶר יִחוּס גֶעגֶען דִיא אִיבְּרִיגֶע אַיינְוָואהנֶער.

---

# 4.

## מִנְהָגִים טוֹבִים. גוּטֶע אוֹיפְפִיהרוּנְג.

דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט „מִנְהַג יִשְׂרָאֵל תּוֹרָה” אַז אַ יוּדִישֶׁער מִנְהַג אִיז אַתּוֹרָה. דָאס אִיז אַ טַייעֶרֶע זַאךְ פַאר דֶעם נַארָאד, וָואס עֶר אִיז צוּשְׁפְּרֵייט אוּנ צוּא זֵייעֶט אוֹיף אַללֶע טְהֵיילֶען פוּן דֶער וֶועלְט. אָט דִיא מִנְהָגִים הִיט אִיהם אָפּ עֶר זָאל נִיט וֶוערִין פַארְנִיכְטֶעט, עֶר זָאלל נִיט גֶעהן פֶערְלָארֶען אַזוֹיא וויא דִיא רְשָׁעִים פוּן יֶעדֶער דוֹר וִוילֶען פוּן אוּנְז מַאכֶען. דִיא תַּנָאִים הָאבֶּען אוּנְז אִיבֶּערְגִיעֶנְטְפֶערְט גוּטֶע רֶעכְט פַארְטִיגֶע מִנְהָגִים נָאךְ זֵייעֶר צַייט נָאךְ אוּנ דָאס זָאל דִינֶען פַאר אִידֶען אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, אַז מִיר זָאללֶען נִישְׁט צוּמִישְׁט וֶוערֶען צְווִישֶׁען דִי

פעלקער

איש יהודי, אשר לא ישמור את מנחגי ישראל, אפילו הקלים שבקלים, נחשב לאפיקורוס ולמין. הדבר הזה אמנם הוא שהיה לעמנו המפוזר והמפורד בין העמים להצילו מהכליון החרוץ, אשר הכינו לו העמים שבכל דור ודור. כי חז"ל יסדו לנו מנהגים טובים וישרים לפי רוח זמנם, אשר שמרו אותנו לבל נתערב בתוך העמים. ואולם בימינו אלה, אך למותר הם המנהגים והגדרים השומרים את בני עמנו מהתבוללות, כי הלא אף אם נהיה כלנו נכונים להתבולל ולהיות ככל הגוים, לא יאבו העמים ולא יתנו אותנו בשום אופן להתערב בהם, וכל המתבונן בעינים פקוחות יראה ויבין, כי מן הנמנע

---

פעלקער אונ דאס איז זייער גוט וואס דיא יודען היטטען דיא מנהגים אזויא וויא דעם שווארץ אפיל פון אויג, אונ ווער עס היט ניט אפ א מנהג בייא יודין אפילו דעם גרינגסטען מנהג האלט מען איהם דער פאר, פיר א אפיקורוס א פושע ישראל. יודען האלטען טהייער דיא מנהגים מעהר וויא דיא דינים פון דער תורה, אונ דאס איז אין אמת אונזער גליק, וואס דאדורך זיינען מיר געבליבען א פאלק ביז היטע. אבער דיא אללע מנהגים וואס היט אונז אפ מיר זאללען ניט אויס געמישט ווערין מיט די פעלקער איז בייא יעטצטיגע צייט שוין כמעט אין גאנצען איבעריג ווארום מיר זעהען שוין מיט אפענע אויגען, אז דיא פאלקער, אללע שכנים ארום אונז, ווילען זיך גאר ניט מיט אונז אויסמישען פאר קיינעם פאל ניט. עס איז שוין אזוי איינגעוואר־צעלט בייא דיא פאלקער דער אפרייסונג דער אפשטויסונג פון אונז, אז דאס איז דיא צווייטע נאטור, מיר אידען זיינען שוין אויף עוויג געבליעבען אבעזונדער פאלק. אלזא איז פאר אונז

הוא, אשר העמים יאבו להתאחד את היהודים. היה לא תהיה כזאת לעולם, כי כח הפירוד של העמים ליהודים הוא כמעט כמו דבר טבעי חזק ואמיץ, אשר כל הרוחות שבעולם לא יזיזוהו ממקומו, לכן עלינו לאסוף את הרבנים והחכמים שבדורנו והם יתנו לנו מנהגים חדשים וטובים, אשר יגינו עלינו מפני חמת שונאינו השואפים לבלענו ולמחות את שמנו מעל פני האדמה. מאד מאד נחוץ לנו ליסד ולקבוע מנהגים ישרים, אשר לפיהם נמצא חן בעיני אלהים ואדם. ויען כי הרבנים יכבדו על פני כל העם ולמוצא שפתם יקשיבו רוב בנ"י, לכן יבקשו הציונים החכמים והמשכילים עזר מאת הרבנים הגאונים והיראים ולדרוש מהם, כי גם הם יחלו

---

יעצט נייטיג צוא זאממען רופען אללע רבנים אללע חכמים אויף א אסיפה אונ זייא זאללען אונז ארויס געבען נייע גוטע מנהגים, וואס דאס זאלל אונז ברענגען צו אונזער גליק אונ זאלל אינז אפהיטטען פון דיא אנטיסימיטען, וואס וויללען אונז אין גאנצען אויסרייסען אונ אפמעקען אונזער נאהמען פון דער וועלט. מיר דארפען ארויס געבען פאר'ן נאראד נייע געזעטצע, נייע שיינע מנהגים אז דאדורך זאלין מיר האבען חן ביי גאטט אונ בייא מענשען. מיר זאללען קענען זיין זעלבסט שטענדיג מיר זאללען ניט ליידען קיין הונגער, קיין נויטה, אונ ניט ווערן פערשעמט בייא דיא פאלקער.

אויף ארויס'געבען נייע מנהגים אונ גוטע ארדענונגען, וועלין מיר אהן דיא רבנים גאר ניט אויספיהרען ווער וועט דאס אונז פאלגען. דאריבער דארפען דיא ציוניסטין, דיא חכמים דיא געלערנטע מענשען בעטען רחמים בייא דיא רבנים אונ ביי דיא

גאונים

לדאוג למצבו הגשמי של העם וישתדלו לתקן את חנוך בנינו, למען היותם לאנשים מהוגנים, טובים וישרים ומועילים לעצמם ולאחרים, כי אם נוסיף ללכת בדרכי אבותינו ונחנך את בנינו כאשר חנכו אבותינו אותנו, ואם לא ניטיב את דרכנו ומעללינו מכל יתר העמים, אז צפוים אנחנו לכל אסון ופגע, ומי יודע אם חלילה לא יעשו אתנו שונאינו כלה.

---

גאונים אז זייא זאללען אויך נעהמען א אנטהייל, אונ זיך אינטערעסירען מיט זייער פאלק. זייא זאללען אויך אנהייבען דאנגה'ן פאר דעם יודישען מאטעריאלישען לעבען, זייא זאללען זיך אנהייבען קיממערן אונ נעהמען צום הארצען פון די יודישע צרות, מאנגיל שאנדע, אונ זיי זאללען זיך זעהען סטארען אוים בעססערען דיא יודישע לאגע פאר בעסערען זייער בעשטאנד מיט דער נאטור, אויך ניט נאר פערלאזען זיך אויף נסים, אללע מענשען דארפען טהון אונ גאטט העלפט זייא. אזוי וויא א איינ־צעלנער פערזאהן אפילו דער פרוממער דער קנאי, דער גראסטער פאנאטיק מאכט געשעפטען אונ טהייל מאל ראבעוועט ער אונ נארט אפ אונ טהוט אללע מערדערייען, אונ בעט גאטט אז ער זאלל איהם העלפען, דער דאנקט טאקע גאטט דערפאר וואס ער האט איהם געהאלפען זיין געשעפט ערליך מיט שוויים מיט מאטערניש אונ דער דאנקט גאטט, וואס ער האט איהם גע־האלפען צו טהון זיינע בעטריגערייא זיינע מערדעריי. מיט איין ווארט: יעדער מענש ווייס אז ער דארף טהאן אונ גאטט דארף איהם העלפען; קיינער האט ניט קיין העזה צו בעטען ביי גאט: העלף מיר רבונו של עולם, ווען ער אלליין טהוט גאר ניט, אונ יעדערער קלערט אלץ וואס ער זאלל טהאן אז ער זאלל מיט

דעם

דעם בעגליקען. ער זעהט אז דאס גליקט איהם ניט, זוכט ער וואס אנדערש. מיט איין ווארט: דער מענש ווארפט זיך וויא א יון אונ פראבירט אללעס מאכען ביז ער דערגרייכט זיינס אונ גאטט העלפט איהם. אלזא וויא אזויא איז רעכט צוא זאגען, וויא דיא פאנאטיקע האבען זיך איין גערעט אז דער נארד זאלל גאר ניט טהוען דאס מינדסטע, אונ נאר פערלאזען זיך אויף נסים, זאללען מיר לייענען דיא היסטאריע אין תנ"ך וויא אזויא איז געבויט געווארען דער צווייטער בית המקדש, וואס האבען יודען דאמאלס געטהוען? צוא זייא האבען דאמאלס ניט געזוכט טהוען אללע נאטירליכע מיטלען, וואס זייער מענגליכקייט האבען זייא אללעס געטאהן מיט דער נאטור אונ גאטט האט זיי געהאלפען.

מען האט געזעהן דערביי גאטטעס קראפט אויך, אבער די פארשטעהער פון נארד האבען אללעס געטהון מיט דער נאטור זייא זיינען געוועזען גרייט לדורון ולתפלה ולמלחמה ד"ה: זייא האבען געבעטען רחמים ביי דיא מלכים אונ שרים זיי זאללען זיי העלפען אונ זיי זיינען געוועהן גרייט צו שלאגען זיך מיט די פיינד דיא אנטיסימיטען אונ מיט דעם האט מען געזעהען גאטטליכע קראפט ווי דיא ביססעלע שוואכע יודעלעך האבען אויסגעפיהרט געגען דיא שטארקע אנטיסימיטען אזוי וויא מיר זאגען אין על הנסים פון חנוכה: „מסרת גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים". ד"ה: דוא האסט איבערגעענטפערט שטארקע אין דער האנד פון שלאפע, אונ פיעל אין דער האנד פון דיא ווייניגע אין דיא חשמונאים'ס צייטען. מיר זאגען היינט אפילו אללע טאג אני מאמין, אז משיח קען אללע טאג קוממען, אונ וועט קוממען, אבער מיר וויללען דאך אלליין ניט בויען דעם דריטען בית המקדש. מיר וויללען ניט אויספיהרען מיט דער נאטור אז „וגר זאב עם כבש", אז א וואלף זאלל זיך צוזאממען וואהנען מיט א שעפסיל. דאס וועט

אללעס

מנהגים טובים, מנהגים טובים וישרים, אחי, נחוצים לנו, למען אשר גם המלאכים הרעים — משטינינו, יענו אמן בעל כרחם. ואף אם יחשבו אותנו לאורחים, אנוסים יהיו להודות, כי אורחים הגונים אנחנו.

---

אללעס זיין אז משיח וועט קוממען. דאס האפפען מיר אז עס וועט געוויס אזוי זיין דיא אללע פאלקער אללע נאראדען דיא שטארקערע, וואס זיינען שטארק ווי וואלף, וועלן לעבען צוא זאממען צוא פרידען שלום מיט דיא שוואכערע פעלקער וואס זיינען שוואך וויא שעפסעלאך.

אבער דערוויל דארפין מיר זעהען מיר זאללען האבען ברויט צוא עססען אונ מיר זאללען ניט זיין אזויא בעשמוצט אונ אזויא נידעריג,

אלזא מנהגים טובים, מנהגים טובים איהר רבנים איהר חכמים, איהר גוטע פארשטעהער גיבט אונז ארוים גוטע מנהגים גוטע אויפפיהרונג, אז אונזערע שונאים דיא אנטיסימיטען אלליין זאללען מיט גוואלד זאגען, אז מיר זיינען פיינע מענשען, אבוואהל מיר זיינען גאסטע אבער ארענטליכע גאסטע זיינען מיר ביי דיא פעלקער.

אט דאס וואס מיר פערלאזען זיך אויף נסים אלליין וועגען דעם גאנצען פאלק, ברענגט אונז דאצו אז מיר רייסען זיך אפ פון דער נאטור. מיר טהוען אלליין אללעס געגען דער נאטור ניט זאגען אז מיר געהען ניט נאך דער נאטור, נאר מיר ווילען שלעפין די נאטור צו זיך, נאך איידער גאטט טהוט אונז דיא נסים געגען דער נאטור, מיר ווארטען ניט אויף איהם דאריבער איז אונז אזוי פינסטער אונ ביטער.

## ה.

## ההתחרות.

ההתחרות היא צרעת ממארת, אשר דבקה בנו זה ימים רבים ואשר תעשה בקרבנו שמות נוראות ואיומות ומנפש עד בשר תכלה. כל הרעות הנוראות אשר המיטו עלינו רבוא רבבות שונאינו ומנדינו, כאין וכאפס הן מול הצרות האיומות, אשר הביאה עלינו ההתחרות. המדה הרעה הזאת נטועה היא בלב כל איש יהודי עוד מימי ילדותו, ובבואו לעשות מקנה וקנין לא יבקש לו

---

## 5.

## ההתחרות. דִיא קָאנְקוּרֶענְצְיֶע.

דִיא קָאנְקוּרֶענְצְיֶע. דָאס אִיז אַ וָואוּרְים וָואס עֶס עֶסְט אוּנְז אוֹיף דָאס לַייבּ אוּנ שְׁמַאטְשְׁקֶעט אוּיס אוּנְזֶער בְּלוּט אוּנ טְרִיקֶענְט אוּיס דָאס מַארְךְ בִּיז עֶס מַאכְט אִין גַאנְצֶען פוּן אוּנְז אַכְּלָיָה. דִיא פֶערְפְלוּכְטֶע קָאנְקוּרֶענְצְיֶע, וָואס זִיא הֶערְשְׁט אִין דִיא הֶערְצֶער פוּן אַלֶלע יוּדִישֶׁע קִינְדֶער. זִיא מַאכְט פוּן אוּנְז אַ תֵּל עוֹלָם, אַלֶלֶע אוּנְזֶערֶע צֶעהֶנֶער טוֹיזֶענְדֶער שׂוֹנְאִים טְהוּעֶן אוּנְז קֵיין צֶעהֶנְטוֹיזֶענְדֶע טְהֵייל נִיט שְׁלֶעכְטֶץ ווִיפִיעל דִיא קָאנְקוּרֶענְצְיֶע טְהוּט אוּנְז. דָאס אִיז עֶפֶּעס אַזוֹיא אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אִין דָאס הַארְץ פוּן יֶעדֶער יוּד, פוּן זַיין קִינְדְהַייט אָן, אַז עֶר ווַייס שׁוֹין גָאר נִיט קֵיין אַנְדֶער וֶועג, ווִיא אַזוֹי צוּא פֶערְבֶּעסֶערְן זַיין בְּעשְׁטַאנְד ווִי אַזוֹי אַיינְצוּ-

ריכטען

דרך אחרת, רק להתחרות את רעהו ולהוזיל את המקח עד הדיוטא התחתונה. למשל: סוחר אחד יסד לו חנות והוא מוכר את סחורתו ברוח עשרים למאה, ובא השני והוריד את המחיר עד עשרה, והשלישי — עד חמשה, והרביעי — עד שנים, והחמישי — עד אחד, והששי עד החצי, והאחרון יחליף סחורה בכסף, וכסף בסחורה בלי כל רוח, אך למען אשר בשם סוחר יקרא, ויוכל אחרי כן לשנות שם בעל החנות... זאת היא רעה חולה, וזאת ההתחרות היא שגרמה לנו להיות עם־עני ואביון והעניות

---

ריכטען זיין געשעפט נור צוא קאנקערירען אונ צוא ווארפען דעם פרייז פון יעדער סחורה ביז צום לעצט, צום ביישפיעל: איינער מאכט א קראם אונ פערקויפט סחורה 20 פ"צ ריוח. קומט דער צווייטער, אונ זעטצט זיך לעבען איהם אונ לייזט אויף 10 פ"צ ריוח. קומט דער דריטער אונ עפענט א געשעפט אונ לייזט אויף 5 פ"צ. דער פערטער אויף 3 פ"צ, דער פינפטער אויף 1 פ"צ דער זעכסטער אויף ½ פ"צ, דער זיבטער אויף גלייך, דער אכטער אויף היזק 1 פ"צ. זא ווייטער. ווער עס קומט שפעטער מאכען דעם געשעפט, פערקויפט ער אויף היזק אונ וויל אזויא לאנג קנקערירען ביז ער וועט אללע אראפ טרייבען פון פלאץ, קומט ווידער איינער נאך איהם אונ וויל איהם אראפטרייבען. אט אזוי טהוט זיך מיט אללע יודישע געשעפטען. ער מאכט א געשעפט צוא האבען דעם נאמען סוחר אונ דער נאך מוז ער פארטוישען זיין נאמען פון יעקב אויף לאה'ן. דאס איז זייער א שלעכטע קרענק אונ דאריבער זיינען מיר א עם עני ואביון א ארימע פאלק. דיא קוועלען פון אללע פרנסות זיינען פארשטאפט אונ פאר חתמ'ת

מביא אותנו לפסלנות ולשפלות והנני לקלסה ולשמצה בגוים.

---

וואס פאר א געשעפט עס פאלט אריין צו יודען אין דיא הענד אריין מאכט ער דעם געשעפט כעפרא דארעא, צוא אש און צוא בלאטע. דעם גלענצענדען געשעפט צוא פאטשקען דאס אזויא אונזערע יודעלעך ביז דאס ווערט אוים געשעפט. זאלל נאר עפעס א מייסטער מאכען א נייעם ארטיקיל פארדינט ער פון דעם ארטיקיל נאר דיא ערשטע פאר וואכען ביז אונזערע יודעלעך ווערן ניט גיוואהר, נור וויא באלד אז דערשמעקט נאר זיין ברודער דער צווייטער מייסטער מאכט ער איהם באלד נאך און מאכט ניט קיין קליינע קאנקורענציע; ער ווארפט באלד אראפ 300 פראצענט, קומט דער דריטער און מאכט שוין אויך און ווארפט אראפ 200 פ"צ, דאס איז פאקטיש, עס איז רעכט צו זאגען אז דער ערשטער האט געלייזט דעם ארטיקעל אויף 13 רו"כ דיא דוץ זאלל דאס אין א האלב יאהר דערנאך ווערן פערקויפט פאר 80 קאפ' דיא דוץ, און ער פארדינט שוין א קרענק מיינע שונאים, ביז זייא ווארפען שוין נאר אוועק דעם ארטיקעל צו מאכען, ווארום דער ארטיקעל זעהט שוין אוים אזויא פערדארבען אזויא געמיין אז קיינער וויל דאס שוין נאר אין האנד ניט אריין נעהמען. הייבען זייא שוין אן צוא מאכען נייע ארטיקלען. מאכען דיא מייסטערס נייע מאשינען נייע פורימס, און יענע מאשינען מיט דיא פורימס, וואס דאס האט געקאסט געלד און בלוט, ער האט פארזעטצט דער ווייבס צירונג און אפשר נאך די קישענס, ביז ער האט זיך איינגעשאפט דיא מאשינען אויף דעם ארטיקעל, יעצט ווארפט ער דאס ארוים אין שמעלץ און פארזעצט די פערינע און מאכט ווייטער מאשינען מיט פורימס אויף א נייעם ארטיקעל, דער וואס האט א גוטען קאפף

אוים

אוים צוא קְלֶערֶען עֶפֶּעס נַייֶעס צוא מַאכֶען, הָאט עֶר אַ פָּאר גוּטֶע וָואכֶען, עֶר לֶעקְט אָפּ דִיא עֶרְשְׁטֶע פָּאר וָואכֶען אַגוּטֶען בֵּיינְדִיל, אָבֶער וִויא עֶר וֶועט זִיךְ נִיט בֶּעהַאלְטֶען אַז מֶען זָאלל נִיט קֶענֶען דֶערְגֶעהְן וִוי אַזוֹי עֶר מַאכְט דָאס, אָבֶער פַאר ר׳ אִידֶעלֶע אִיז קַיין עֵצָה אוּנ קַיין בֶּעהֶעלְטֶענִישׁ נִיט דָא, עֶר זוּכְט שׁוֹין אוֹיף דֶעם מַייסְטֶערְס אַרְבַּייטֶער וָואס אַרְבֶּעט בַּיי יֶענֶעם אוּנ גִיט אִיהם אַגוּטֶע הוֹסָפָה אוּנ חַאפְּט אִיהם אַרוֹיס פוּן יֶענֶעם, אָדֶער עֶר גִיט אִיהם אַפָּאר גְרָאשֶׁען זָאגְט אִיהם יֶענֶער אוֹיס פוּן חֵדֶר אוּנ עֶר מַאכְט אִיהם שׁוֹין נָאךְ. אָט אַזוֹי פִיהְרְט זִיךְ דִיא יוּדִישֶׁע הַאנְדֶעלְס וֶועלְט, אַזוֹי זַיינֶען דִי מֵייסְטֶערְס אוּנ אַזוֹי זַיינֶען דִיא סוֹחֲרִים דִי קְרֶעמֶער יָעדֶערֶער ווִילל פֶערְקוֹיפֶען בִּילִיגֶער זַיין סְחוֹרָה כְּדֵי אַרוֹיס צוּא נֶעהְמֶען בַּייא זַיין שָׁכֵן דִיא קוֹנִים, אוּנ וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם וָואס יֶעדֶער ווִילל אַלְץ פֶערְקוֹיפֶען זַיין סְחוֹרָה מִיט וֵויינִיגֶער פֶערְדִינְסְט עֶר דַארְפְט דָאךְ אָבֶער לֶעבֶען אוֹיךְ, מוּז עֶר שׁוֹין פֶערְקוֹיפֶען פִיעל סְחוֹרָה. דַארִיבֶּער מוּז עֶר הַאלְטֶען אִין גֶעווֶעלְבּ פִיעל סְחוֹרָה, דַארְף עֶר דָאךְ שׁוֹין נֶעהְמֶען אוֹיף הַקָפָה, דַארְף עֶר דָאךְ שׁוֹין יֶעדֶען טָאג צָאהְלֶען וֶועקְסֶלֶען מוּז עֶר דָאךְ פַארְקוֹיפֶען סְחוֹרָה אוֹיף הֶיזֵק, ווָארוּם עֶר דַארְף דָאךְ דָאס גֶעלְד. אָט אַזוֹיא דְרֵייט זִיךְ דִיא גֶעשֶׁעפְטֶען, אָבֶער וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית דֶער צְוֶועק פוּן אַזָאלְכֶע סוֹחֲרִים? זֵייעֶר לֶעבֶען אִיז קַיין לֶעבֶען נִיט, זֵייעֶר הַארְץ וֶוערְט אוֹיסְגֶעדַארְט, דֶער קָאפְּ דְרֵייט טְרָאגְט שְׁווִינְדֶעלְט אַרוּם, זֵייא עֶסֶען נִיט אִין דֶער צַייט, טְרִינְקֶען נִיט אִין דֶער צַייט. אַז זֵייא עֶסִין ווֵייסֶען זֵייא נִיט, וָואס זֵייא עֶסֶען. זֵייא שְׁלָאפֶען נִיט, דֶער שְׁלָאף וֶוערְט זֵיי פֶערְוָואגִילְט, אוּנ וָואס אִיז זֵייעֶר עֶנְדֶע? זֵייא וֶוערֶען פֶערְשְׁנִיטֶען פוּן לֶעבֶען פַאר דֶער צַייט אוּנ דִיא אַלְמָנָה מִיט דִיא יְתוֹמִים בְּלֵייבֶען אָן אַ שְׁטִיטְצֶע.

ווָאללען

הננו רואים חנונים שאינם יהודים יושבים בחנוית קטנות וסחורה בהן מעט והם מתפרנסים בנחת, בלי כל עמל ויגיעת נפש, כי לא דרוש לו לחנוני כזה למכור סחורה הרבה, וכמה הוא מוכר די הוא לו למחיתו ולמחית ביתו וגם מענג לא ימנע את נפשו, כי הוא יקציב לו רוח גדול ולא יתבייש גם להרויח לפעמים כפלים ממחיר סחורתו ולמצער ירויח חמשים למאה, וגם יודע הוא לתת לחברו להרויח בעין יפה בקנותו את הדברים הדרושים לו, בדעתו, כי כשם שהוא צריך לפרנסה, כן גם כל איש צריך לה. עוד זאת ראינו, כי בקצוב לו הסוחר שאינו יהודי, למשל, שלשים רוחים למאה לא יאבה ולא ישמע לקונה, אשר יחפוץ להקטין את המחיר עד כדי חמשה ועשרים רוחים למאה ובמנוחה יתן לו לעזוב את חנותו

---

זאללען מיר זעהען ביא דיא נארארען אונזערע שכנים, ווי דער קראמער זיצט אין א קליין קראמיל אונ האט גאר וויניג סחורה ווי אזוי ער לעבט זיך אונ האט גאר פיין פרנסה אונ לעבט אין פערגניגען, זייא ווייסען וויא צוא לעבען אונ עס פעהלט זייא ניט קיין פערגניגען. אט פון דעם קליינעם קראמיל לעבט ער זיך דורך גאנץ רוהיג, ווארום אז ער דארף ניט פערקויפען פיעל סחורה, וויפיעל ער לייזט האט ער אללס זיין פרנסה ברוח מיט אללע פערגניגענס, ווארום ער האט ליב גוט צוא פערדינען ער שעמט זיך ניט צוא פערדינען הונדערט פ"צ אונ מעהר, נאר אם-ווייניגסטען 50 פ"צ אונ וויפיעל ער שטעלט זיך פערדינסט האלט ער זיך פעסט אונ לאזט ארוים געהן פון זיין קראם דעם קונה וועלכער גיט איהם ניט וויא ער האט זיך בעשלאסען צוא פער-דינען. דער קונה מעג איהם געבען 49 פ"צ לייזט ער ניט, אונ איהם

וללכת אל חנות שכנו הקרוב אליו. לא כן אחינו היהודים: איש איש מהם יתאמץ להוזיל את סחורתו ולא יתן את הקונה לצאת מחנותו אם רק יתן לו רוח חצי או רבע האגורה לרו"כ, ולא ישים אל לבו, כי ההוצאות הרבות שהוא מוציא על העסק תעלינה הרבה יותר מהריוח המעט ההוא, רק כל מגמתו הוא למכור סחורה הרבה, ויסתפק בריוח משהו מן המשהו, ויען, כי הרוחים מעטים הם, דרוש לו אפוא למכור המון סחורה, למען אשר יוכל למצא מחיתו במסחרו, ולכן עליו להחזיק בחנותו סחורה הרבה, ומאשר אין לו די כסף, דרוש לו לקחת בהקפה, ובקחתו סחורה בהקפה, יש לו יום מועד שלום שטרות, ולכן איפוא אם

---

איהם קיממערט ניט ווען דער קונה געהט צו זיין שכן. אונ אזוי אז דער מוכר, דער קראמער געהט קויפען דיא סחורה וואס ער דארף, האט ער אויך ליעב צוא געבען דעם אנדערין צוא פער־דינען, ווארום ער ווייס אונ פיהלט אז אזויא וויא ער וויל לעבען אין פערגעניגען אזויא דארף דער צווייטער אויך לעבען; ער מעסט אן יענעם אן זיך, „וחי אחיך עמך", זאגט די תורה — דיין ברודער זאלל לעבען מיט דיר, לעבען, אונ לעבען לאססען, אבער ליידער איז ביא אונזערע יודעלעך פערקערט: אז עס קוממט אריין צו איהם א קונה לאזט ער איהם שוין ניט ארויס פון געוועלב אז ער גיט נאר עפיס אקלייניגקייט ריוח מעג זיין א גראשין אן דוביל א 1/4 גראשין פערקויפט ער דיא סחורה ער בערעכענט גאר ניט דאן די אללע הוצאות וואס עס קאסט איהם, אונ זיין לעבינס מיטטעל, ניין, ער לעבט אהן רעכענונג: ער ווייס נאר, אז ער דארף זיין א סוחר אונ מאכען א גרויסען אומזאץ אבעראט ניט קונקענדריג זיין ענדע.

זאללען

יחפוץ להתקיים, אנוס הוא למכור את סחורתו גם בהפסד לבל יפול בנופלים בלא עת...

ומה הם חיי הסוחרים האלה? לבם יבש תמיד כחרס, ראשם סחרחר, לא יאכלו בעתם, בלילה תדד שנתם, וסופם להכחד בדמי ימיהם מארץ החיים ולהשאיר אחריהם את נשיהם ובניהם בעירום ובחסר כל.

והקונה היהודי בבואו לקנות סחורה מאת אחיו היהודי ימוץ את מוח עצמותיו. קשה הוא אז כברזל, ולא יאבה לתת לו גם ריוח מעט, כי ימדוד את המוכר במדה שהוא מודד לעצמו, והיהודי הקשה כברזל הזה בבואו לקנות דבר מאת סוחר שאינו יהודי הוא בין רגע רך כקנה ומיטב כספו ישלם ככל אשר יושת עליו מאת המוכר ולא יעיז פנים חלילה לעמוד על המקח ולנסות

---

זָאלֶען מִיר זֶעהֶען דֶער קוֹנֶה דֶער יוּד, אַז עֶר גֶעהט קוֹיפֶען סְחוֹרָה בַּייא זַיין בְּרוּדֶער דֶעם יוּדֶען שְׁמַאטְשְׁקֶעט עֶר אוֹיס דֶעם מוֹכֵר זַיין בְּרוּדֶער, דֶעם מַארְךְ פוּן דִיא בֵּיינֶער, עֶר רַייסְט אִיהם אוֹיס מִיטְ'ן וָוארְצִיל מֶען וֶוערְט פוּן אִיהם שְׁווִינְדְזִיכְטִיג, עֶר וִויל אִיהְם אַ גְרָאשִׁין נִיט גֶעבֶּען צוּא פֶערְדִינֶען. דֶער קוֹנֶה מֶעסְט אָן דֶעם מוֹכֵר מִיט זַיין אֵייגֶענֶער מָאס. אַזוֹי וִוי עֶר פֶערְדִינְט נִיט זָאלל יֶענֶער אוֹיךְ נִיט פֶערְדִינֶען. זָאללֶען מִיר זֶעהֶען: אַז דֶער אֵייגֶענֶער יוּדֶעלֶע אַז עֶר גֶעהט קוֹיפֶען סְחוֹרָה בַּייא נִיט קֵיין יוּד, וִויא דֶער אֵייגֶענֶער הַארְטֶער יוּדֶעלֶע וִוי אַייזֶען וֶוערְט וֵוייךְ אוּנ אֶט דֶער קַארְגֶער קוֹנֶה וֶוערְט אַזוֹי מִילְד אוּנ רַייךְ, אוּנ בֶּעצָאהלְט דֶעם מוֹכֵר וִויפִיעל עֶר בֶּעט אִיהם. בַּיים עֶרְשְׁטֶען מָאהל נֶעהְמְט עֶר אַרוֹיס אַזוֹיא פְרֵיינְדְלִיךְ זַיין גֶעלְד אוּנ צָאהלְט אִיהְם אָפּ מִיט אַזָא צוּפְרִידֶענְהַייט. עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם נִיט יוּדֶען אַז עֶר

זאלל

להקטין את המחיר ברצותו להתפאר ולהראות את הנכרי, כי אדם הגון וקונה טוב הנהו, ואשר החכם מכל אדם, גזר אמר, כי „רע רע יאמר הקונה", הני מילי? אם הקונה וגם המוכר יהודים הם, אבל אם המוכר הוא אינו יהודי, אז לא יעיז עוד הקונה לגנות את הסחורה וישלם בלב טוב כמה שידרוש המוכר, והיהודי בחפצו להתפאר לפני חברו, כי קנה סחורה טובה ומשובחה, יתהלל, כי קנה אותה מאת אינו יהודי וזה לו לאות, כי הסחורה היא ממין המעולה.

פעמים רבות קראנו במה"ע העברים מאמרים מאיזה סופרים המשבחים והמפארים את ההתחרות,

---

זָאלל נֶעבַאךְ נִיט דַארְפֶען רֵיידֶען צְוֵויי מָאל וֶועגֶען דִיא פְּרַייז. אוּנ עֶר וַוייזְט דֶעם נִיט אִידֶען עֶר זָאלל טַאקִי וִויסֶען אַז אִיךְ בִּין אַ אָרִינְטְלִיכֶער מֶענְשׁ. וָואס שְׁלמֹה הַמֶלֶךְ, הָאט גֶעזָאגְט „רַע רַע יֹאמַר הַקוֹנֶה" אַז דֶער קוֹנֶה רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג שְׁלֶעכְטֶס אוֹיף דֶער סְחוֹרָה וָואס עֶר קוֹיפְט, דָאס אִיז אַלְץ אֱמֶת, וֶוען אֵיין יוּד קוֹיפְט בַּייא דֶעם צְוֵויישֶען יוּדֶען, אָבֶּער וֶוען דֶער מוֹכֵר אִיז נִיט קֵיין יוּד, דַאן הָאט שׁוֹין קֵיין קוֹנֶה נִיט קֵיין הָעֵזָה צוּ שֶׁענְדִין דִיא סְחוֹרָה, עֶר צָאהלְט אָפּ מִיט אַ גוּט הַארְץ וִויפִיעל דֶער מוֹכֵר פָּאדֶערְט, אוּנ וֶוען אַ יוּד וִויל זִיךְ רִימֶען, אַז עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט גוּטֶע סְחוֹרָה אַנְטִיק, זָאגְט עֶר, אַז עֶר הָאט דָאס גֶעקוֹיפְט בַּיי אַ קְרִיסְט. דָאס אִיז שׁוֹין אַ וַואהרֶער בֶּעוַויז אַז דִיא סְחוֹרָה אִיז גוּט.

מִיר הָאבֶּען פִיעל מָאהל גֶעלֶעזֶען אִין צַייטוּנְגֶען, דִיא שְׁרַייבֶּער לוֹיבֶּען זֵייעֶר דִיא קָאנְקוּרֶענְצְיֶע אוּנ זָאגֶען אַז דִיא קָאנְקוּרֶענְצְיֶע בְּרֶענְגְט אַללֶע גְלִיקְקֶען אוּנ אַללֶע גְדוּלוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, זִיא הֵייבְּט אוֹיף דֶעם מִסְחָר, זִיא מַאכְט רַייךְ אִיהרֶע בַּעֲלֵי־

בתים

באמרם, כי על ידה יגדל המסחר וירום מאד, ואולם טעות גדול הוא בידם, והננו רואים, כי כל איש יהודי יבכה ויזעק מרה על ההתחרות הארורה, ובהיותו אנוס למכור את סחורתו בזול יאנק דום ויקלל את שכנו, אשר הביאהו לזה. הרגילות להתחרות בלבב היהודי הוא כח חזק עד כי לפעמים יביט גם הקונה עליו בעיני בוז על הזלזול והורדת המחיר למאד.

---

בתים, אונ דאס איז דער הויפט חכמה אונ פעהיגקייט אין גישעפט נאר דיא קאנקורענציע ביללינג פערקויפען סחורה, דאס הייסט: וואס בילליגער דער מוכר פערקויפט איז ער אלץ א גראסערער חכם א עשיר אונ טויג זיך מעהר צום עסק. דאס איז מיינע ליבע יודעליך א גרויסער טעות: מיר זעהען אז דיא אללע יודעליך וואס קאנקורירען מיט בילינגקייט איז ניט ווייל זייער חכמה איז אין גישעפט. נאר דאס איז אפראסטע קרענק אזוי איינגעפלאנצט פון קינדהייט אן. ער זעהט בייא זיינע עלטערן נאר קאנקורענציע, ער זעהט, ער הערט אז ווער עס מאכט א נייעס געשעפט איז נאר מיט דעם פערפלוכטען פארטיל צו פארקויפען בילינג זיין סחורה אזויא טהוט יעדערער אזויא ווי א אויסגעלערנטע זאך דאס הייסט: א אבעזאניע, ער טהוט אללעס נאך אהן א איינעגעם פערשטאנד. אבעוויז האט איהר ליעבע לעזער, אז די קאנקורענציע טהוען זייא ניט מיט ווייסענשאפט מיט חכמה, נאר דאס איז איינגעווארצעלטע קרענק, ווארום יעדער יוד וויינט אונ קלאגט אויף דער קאנקורענציע, יעדער סוחר שעלט זיין שכן פאר וואס ער נויט איהם ער ברענגט איהם דאצו ער זאלל לייזען זיין סחורה מיט א קליינעם ריוח, יעדער מוכר, וואס פערקויפט בילינג רייסט זיך דיא האר פון קאפ וואס ער ארבעט אויפ'ן טייוויל, ער לייזט אונ

עוד רעה גדולה מאד תביא ההתחרות בכנפיה, כי בעלי בתי חרושת המעשה והאומנים אנוסים הם לעשות כל דבר חפץ ומלאכה באופן גרוע מאד וגם חמר למלאכתם יקחו מן הזבורית, כי עליהם למכור את מעשי ידיהם לסוחרים המזלזלים בסחורתם, ובכן הסוחרים והאומנים אינם נהנים והקונה חסר, כי החפץ איננו שוה מאומה.

---

לייזט און האט מיינע שונאים א קרענק. איך האב פיעל פאקטען צוא בעווייזען דיא וואהרהייט פון מיינע רייד, נאר איך וויל ניט מיעד מאכען מיינע לעזער מיט פיעל רייד, ווארום דאס וויים אפילו א קינד, אז דיא קאנקורענציע מאכט אונז אומגליקליך, זיא מאכט אונז ארעם און ניעדעריג און דיא ארעמקייט ברענגט אונז צוא טהון אללע פסלנות, אללע נידערטרעכטיגקייט, וואס דאדורך זיינען מיר צוא שאנדע בייא אללע פעלקער. דיא קאנקורענציע איז אזויא גרויס בייא יודען אז פיעל מאל קוקט אויף זייא דער קונה אליין מיט א וואונדער און לאכט פון זייא פאר וואס זייא פערקויפען אזויא בילינג דיא סחורה — און וואס נאך פאר א צרה ברענגט אויף דער וועלט דיא בילינגע קאנקורענציע, דאס דיא פאבריקאנטען דיא בעלי מלאכות זיינען גענויט צוא מאכען יעדער כלי יעדער ארבייט זעהר פאלש און שלעכט. דעם מאטריאל צו דער ארבייט מוז ער געבען דאס ערגסטע און דיא ארבייט מוז ער מאכען זעהר פאלש און געפושט, טאנדעט, כדי ער זאלל קענען פיעל אויסארבייטען און בילינג פערקויפען, ווארום ער פערקויפט דאך זיין ארבייט דיא יודישע קרעמער, וואס זיי מוזען אויך פערקויפען בילינג, דארום איז שוין בעוואוסט בעונותינו הרבים אז דיא יודישע ארבייט איז טאנדעט. פאלש, גיפושט,

שלעכט

עלינו איפוא להוציא ספרים בשפה המדוברת, המדברים בגנות ההתחרות וברעה רבה הצפונה בה, ובשבח האומנים והסוחרים, אשר לא ימכרו דבר שאינו מתוקן בתכלית השלימות. ואמנם זאת, אך זאת היא התחרות אמתית, אשר תביא טובה רבה לעולם: כי יתחרו הסוחרים והאומנים את רעיהם לעשות ולמכור חפצים משובחים ומעילים ביותר, למען היותם לברכה כפי הקונים ולא להוריד את המחיר ואת שויו של

---

שְׁלֶעכְט, אַז עֶס אִיז גָאר נִיט װֶוערְט, אוּנ דֶער קוֹנֶה שֶׁעלְט שְׁטֶענְדִיג דֶעם יוּדִישֶׁען מַייסְטֶער בַּעַל מְלָאכָה פַאר זַיין שְׁלֶעכְטֶע שְׁוַואכֶע אַרְבֵּייט, וָואס דֶער קוֹנֶה הָאט דֶערְפוּן קֵיין הֲנָאָה נִיט. אָבֶער דִיא אַרְבֶּעט פוּן נִיט קֵיין יוּד אִיז גוּט, שְׁטַארְק, פַיין, אוּנ דֶער קוֹנֶה אִיז צוּ פְרִידֶען פוּן דֶער מְלָאכָה. חָאצְבִּי עֶר הָאט דֶערְפַאר טַייעֶר גֶעצָאהלְט, אָבֶער עֶר הָאט הֲנָאָה, עֶס טְרָאגְט אִיהם אוֹיס בִּילִיגֶער וִוי דִי יוּדִישֶׁע אַרְבֵּייט וָואס דָאס קָאסְט אִיהם אַ 5 טְהֵייל גֶעלְט, אוּנ עֶר דַאנְקְט אִימֶער דֶעם בַּעַל מְלָאכָה נָאךְ זַיין קוֹיפֶען, וָוארוּם עֶר אִיז אַלַאנְגֶע צַייט צוּ פְרִידֶען פוּן דֶער זַאךְ.

דַארִיבֶּער דַארְפֶען מִיר, לִיעבֶּע בְּרִידֶער, אַרוֹיס גֶעבֶּען בִּיכֶער, בְּרָאשוּרֶען, אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ אוּנ שְׁזַארְגָאן אוּנ רֵיידֶען וֶועגֶען דֶעם דַייטְלִיךְ אוּנ גֶעבֶּען צוּ עֶרְקְלֶערֶען דֶעם נַארָאד, אַז נִיט דָאס הֵייסְט דִיא גוּטֶע קָאנְקוּרֶענְצִיֶע צוּא פַארקוֹיפֶען בִּילִיג. דָאס בְּרֶענְגְט דִיא סוֹחֲרִים צוּם אוּמְגְלִיק, נָאר דָאס אִיז דִיא גוּטֶע קָאנְקוּרֶענְצְיֶע צוּא קָאנְקוּרִירֶען מִיט גוּטֶע וַוארֶע סְחוֹרָה. מִיט גוּטֶע אַרְבֵּייט, יֶעדֶער דַארְף זִיךְ סְטַארֶען נָאר מַאכֶען בֶּעסֶערֶע סְחוֹרָה, אֵיינֶער זָאלל זֶעהֶען אִיבֶּערְשְׁטֵייגֶען דֶעם צְוֵוייטֶען מִיט בֶּעסֶערֶע סְחוֹרָה, בֶּעסֶערֶע אַרְבֵּייט מִיט דֶעם אָפּ צוּ צִיהֶען דִיא קוֹנִים פוּן

יענעם

החפצים יחדו, למען היותם אחרי כן לאלה בפי הקונים ולרמאים בעיניהם — אמנם כן, אחי, כבר באה העת לבער את הנגע הרע הזה מקרבנו וטוב לנו.

---

יֶענֶעם. פַאר גוּטֶע וַואארֶע צָאהלְט מֶען גוּטֶע גֶעלְד מִיט מֶעהר צוּפְרִידֶענְהַייט ווי פַאר טַאנְדְעטְנֶע פֶאלְשֶׁע גֶעמֵיינֶע וַוארֶע בִּילִיג גֶעלְד, פַאר דֶעם גֶעמֵיינֶעם נַארַאד קֶען מֶען מאכען--פְּרָאסְטעֶרֶע אָבֶּער שְׁטַארֶקֶע גוּטֶע אַרְבֵּייט. נָאר צוּא קָאנְקוּרִירֶען מִיט דִיא גוּטְצְקֵייט, מִיט דִיא וַוארְהֵייט, מִיט דִיא עֶרְלִיכְקֵייט, אָבֶּער נִיט מִיט דִיא בִּילִיגְקֵייט, מִיט דִיא פַאלְשְׁקֵייט. דִיא עֶרְשְׁטֶע בֶּענְשְׁט מֶען, אוּנ דִי לֶעצְטֶע פְלוּכְט מֶען. דִיא לֶעצְטֶע וֶוערֶען אָרִימֶע לַייט דַלְפָנִים קַבְּצָנִים אָנְזֶעצֶערְם, דִיא עֶרְשְׁטֶע וֶוערֶען רַייךְ, אוּנ זַיינֶען אִימֶמער גְלִיקְלִיךְ אוּנ לָאזֶען אִיבֶּער גְרוֹיס פַארְמָאגֶען פַאר זַייעֶרֶע קִינְדֶער.

מִיר דַארפֶען אוֹיס וָוארְצְלֶען פוּן דִי הֶערְצֶער בַּיי אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער דִיא פֶערְפְלוּכְטֶע בִּילִיגֶע קָאנְקוּרֶענְצְיֶע, וָואס זֵי עֶסְט אוֹיף דֶעם יוּדֶעלֶע. דֶעם גוּף מִיט דֶער נְשָׁמָה, מִיר זָאללֶען זֶעהֶען אוֹיס בֶּעסֶערֶען דֶעם שְׁלֶעכְטֶען פֶעהלֶער וֶועט אוּנְז גוּט וֶוערֶען.

---

## ו.

## הנקיון והטהרה.

דבר ידוע הוא, כי אחבנ"י רחוקים הם מן הנקיון והטהרה. די לנו להתבונן אל החניות ובתי ממכר אכל או חפצים של יהודים ושל אינם יהודים למען הוכח לדעת, כי יתרון לאחרונים על הראשונים כיתרון האור מן החשך. סבת הדבר הוא, כי מאז מעולם גדלו בקרבנו

---

## 6.

## הנקיון. דיא ריינקייט.

מיר יודען פיהרען זיך ניט אזוי ריין וויא אנדערע נאראדין. מיר זאללין נאר א קוק געבין אונ זעהען דיא קראמען מיט דיא געוועלבער פון פערשיעדענע סחורה אונ פון שפייז ביי יודען אונ ניט קיין יודען, וועלין מיר זעהען דעם אונטערשייד, פון די לעצטע געגען די ערשטע, אזוי ווי די ליכטיגקייט געגען די פינסטערניש.

דיא סבה דערפון איז, ווייל מען האט אונז שטענדיג געדריקט אין דיא געטעס אונ אין דיא שמאלע פינסטערע זומפעדיגע בלאטיגע גאסין. מען האט ניט צוא געלאזען צוא אונז די שטראהלען פון דער זונן. מען האט אונז געהאלטען אזוי ווי שאף אין שמוציגע פינסטערע נידעריגע הייזער, ביז מיר האבען כמעט גאר פערלארען דעם געפיהל צוא ריינקייט אונ צוא זויבערקייט, אבער די שונאים ווילען ניט וויסען דיא סבות וואס האט אונז

געבראכט

**הלחץ והדחק, אנוסים היינו לשבת במבואות אפלות ורחובות צרות, במקומות רפש וטיט וחלאה ודומן, עד כי אבדנו ברבות הימים את ההרגש להנקיון והטהרה. אולם שונאינו ומנדינו לא ירצו ולא יאבו לדעת את הסבה למחלת אי־הנקיון השלטת בקרבנו. הם יביטו עלינו בעין זעם ויחפשו לאור האבוקה את כל המגרעות והחסרונות הנמצאים בתוכנו. לכן עלינו להתיפות ולהתהדר לפני האדונים האלה, עלינו לפנות את כל**

---

געבראכט, די פעהלערין, זייא ווילען אונז ניט דן זיין לכף זכות, צוא זוכען אונז א זכות ווי אונזערע חכמים האבען געשריעבען „הוי דן את כל אדם לכף זכות, ואל תדין את חברך עד שתגיע למקומו" ביי'ם משפט זאלסטו זוכען אויף יעדער מענשען א זכות, אונ זאלסט ניט משפט'ן דיין חבר, ביז דוא קומסט ניט אויף זיין ארט. דיא ריכטער דארפסט אריין געהן אין יענעמס בעשטאנד, יענעמס אללע פערלעגינהייטען, דאמאלס קענסטו איהם משפט'ן, אונ בייא יעצטיגע צוויליזירטע וועלט, לאזט מען צו די אדוואקאטען זייא זאללען זעהען פערטהעדיגען דעם זינדיגען פיללייכט וועללין זיי געפינען אויף איהם א זכות. אבער מיר יודען זיינען אזויא אונגליקליך, אז קיינער וויל גאר ניט וויסען, דיא סבות, וואס האט אונז געבראכט צוא אונזערע פעהלערין. דיא שונאים קוקען אויף אונז ביז אונ זוכען אויף מיט עלעקטעריצנע בעלייכטונג אונזערע פעהלערין. דאריבער מוזען מיר זיך אליין אויספיינען אויסבעסערין פאר דיא הערין. מיר דארפען אפרוימען אללע שטיינער אללע שטרויכלונגען, וואס שטייען אונז אין וועג. אונ לאזען אונז ניט געהן אין גוטען וועג. מיר זיינען גענייט צוא היטען אללע גוטע מדות זיטען אונ אללע גוטע מוסר וואס

אונזערע

אבני נגף וצורי מכשול העומדים על דרכנו, אנחנו אנוסים לשמור את כל המדות הטובות והמוסר הטוב, אשר למדו אותנו מחוקקינו ומאשרינו הטובים, וגם נלמוד ונקבל את כל דבר טוב, וכל מדה טובה ונכונה מן האנשים השואפים לבלענו, ונלמד את דבר הנקיון והטהרה מהם, למען לא ילעיגו עלינו ולא יתקלסו בנו. הם קבלו ממנו את כל המדות הטובות, אשר מסרו לנו מחוקקינו ומדריכינו הטובים שהיינו מצוינים בהם לפני אלפי שנים את הכל לקחו מאתנו וישימו בכליהם, ולא נשאר לנו כיום הזה עוד במה להצטיין לעיני העמים. לכן נשתדל עתה לחפש ולבחור את כל המדות הטובות

---

אונזערע גוטע פיהרער האבען אונז געלערנט. אונ אויך דארפען מיר זיך אפלערנען אללע גוטע מדות אונ אללע גוטע לעהרע וואס געפינט זיך בייא אונזערע שונאים, וואס וויללען אונז איינ־שלינגען. – זאללען מיר זיך לערנען דיא ריינקייט פון זייא, דאס זייא זאללין פון אונז ניט שפאטען אונ לאכען, זייא האבען בייא אונז איבער גענומען אללע מדות טובות אללע גוטע לעהרע, וואס אונזערע חכמים אונזערע גוטע לעהרער האבען אונז ארויס געגעבען, וואס מיר זיינען געוועזען געריהמט פאר אפאר טויזענד יאהר צוריק, האבען זיי דאס אללעס ביי אונז איבערגענומען אונ האבען דאס געמאכט פאר א גישעפט, אונ יעטצט איז בייא אונז שוין גאר כמעט ניט פערבליבען בייא היינטיגען טאג מיט וואס מיר זאללען קענען זיך ריהמען אונ זאגין אז מיר זיינען א עם חכם ונבון, געגען דיא איבריגע פאלקער.

דארום דארפען מיר אויסזוכען אללע גוטע מדות אונ אללע גוטע מעלות וואס עס געפינט זיך בייא אללע פאלקער צו צוגעבען

צוא

והמעלות הטובות הנמצאים אצל כל העמים, להוסיף על הכשרונות והמדות הטובות הנמצאים רק אצלנו ואין לזר חלק בהם.

עוד יש סבה אחת גדולה לאי־הנקיון, וזאת היא:

ע"פ חקי דתנו אסור לנקות את בגדינו המלובלכים בימי השבתות והחגים, וגם לרחוץ את ראשינו ולהעביר מסרק על שערותינו ולנגוע בבורית המסירה כל חלאה והמטהרת כל דבר מזוהם, וזאת היא רעה גדולה מאד

---

צוא אונזערע גוטע מדות אונ גוטע מעלות, וואס מיר האבען אלליין אונ קיין אנדער נארד האט דאס ניט.

נאך א גרויסע סבה איז דא, וואס ביי אונז קענען מיר ניט אזויא היטען דיא ציכטיגקייט, דאס איז דער דת. לויט אונזער שלחן ערוך טארען מיר ניט ריינ׳גען דיא שמוציגע קליידער אום שבת אונ יום טוב, אונ אויך טארין מיר ניט וואשין דיא קאפ. מיר טארין זיך ניט אנרירען צו קיין נאסע האר, אונ ניט צוא קיין קעמיל אונ ניט צוא קיין בארשט אונ ניט צוא קיין זייף מיט איין ווארט: מיר מוזען שבת, יום טוב גיין ברודיג פערשמוצט מיט דיא בלאטע מיט דיא פעדערין (עס איז בעונותינו הרבים היינטיגע צייט אין דיא גרויסע שטאדט פאלגען זייא ניט די דינים פון ניט צו ריינינין דעם שמוטץ מיט דעם ברוד אונ געהען ארויס שבת יו"ט ריין געפוצט, זיינען טאקע דיא יודען בעונותינו הרבים היינט ריינער, נור דיא פרוממע לייט וואס זייא פילנעווען אייזענשטאל דיא אללע דינים וואס דאס גייט ניט אויף בין אדם לחבירו — מענשליכקייט, ווי זיי גייען אנגעטהאן ביידינס סאמעט אונ דער שמוטץ לייכט ארויס דורך די טייערע קליידער). דאס ברייגט אונז פיל שלעכץ, ערשטין איז מען היינט דערנאנגען

אז

מאד, כי כל ימי השבוע טרוד כל אדם בעבודתו ובעסקיו ולא יוכל להשגיח על נקיון גופו ובגדיו, וגם לא לבושת ולא לחרפה היא לאיש העובד עבודה אם גם בגדיו אינם נקיים בעת עבודתו, ורק העשירים יוכלו להתבונן תמיד אל גום ומלבושיהם, כי יהיו תמיד נקיים, והמון עם טרוד הוא בעבודתו ובעסקיו כל ששת ימי המעשה ואין להם מנוחה אף רגע, ורק בימי השבתות והמועדים ינוחו מעבודתם. ראשית מעשי יתר בני העמים בימי חגיהם הוא לרחוץ את ראשיהם ובשרם בבורית, לנקות

---

אז ריינקייט איז דיא געזינדסטע זאך אויף דער וועלט, אונ דער שמוטץ ברענגט אויף דעם מענשען אללע פערשידענע קראנקהייטען, אונ צווייטען זיינען מיר צוא שאנדע, אז דיא נאראדין האלטין אונז דערפאר, פיר אנידעריגין נאראד. אט דאס וואס שבת יו"ט טאר זיך א יוד ניט האלטען ריין דאס ברייננגט איהם אז א גאנצע וואך געהט ער אודאי פערשמוצט אין ברוד איבערן קאפף: ווארום א גאנצע וואך זיינען אללע מענשען אזויא בעשעפטיגט פערארבעט אז דער יוד האט אפילו קיין צייט ניט צוא עסען, אלזא קען איהם גאר אין מיטען וואך אין די ארבייטס טאג ניט ליגען אין זינען אונ גאר אויף די געדאנקען ארויף קומען, דאס ער זאלל זיך גיין אונ וואשען מיט זייף אונ פיין זיך אויסקעמען אונ אויסבארשטין דיא קליידער, ווען שבת יו"ט אז ער איז ליידיג אונ רוהט זיך אוים פון אלע ארבייט. קען ער דאמאלס זיך ניט אפריינינגען, פערלירט ער שוין גאר, דעם געפיהל דעם געשמאק פון דיא ריינקייט, ווארום אללע נאראדין אז עס קומט פייער טאגע. איז דיא ערשטע ארבייט פאר יעדער מענש זיך גוט אב וואשען טאקע מיט זייף אונ פוצט זיך, אונ ריינינגט זיך

את בגדיהם ולצחצח את נעליהם, ומאשר ינעם להם החג מהצחצחות 'והנקיון בימי החגים, לא יוכלו עוד לסבול את החלאה והזוהמא גם בימי המעשה, ולכן יקבעו להם עת בכל יום לנקות ולטהר את עצמם עד שידם מגעת, אף כי עמוסים הם עול עבודה קשה וכבדה. אך היהודים השומרים את השבת מחללו, בגדיהם ושערותיהם מלאים הם תמיד נוצות וחלאה ואסור להם לגעת במסרק ובבורית, ואם בימי המנוחה והמרגוע לא יוכלו לשום לב אל הנקיון, איך אפוא יעלה על דעתם לנקות את עצמם בימות החול בעת אשר הם טרודים מאד מאד ולא ישיתו

---

גוט אויס זיין קערפער אונ דיא בגדים, פיהלט ער דאמאלס א חיות: ער וואקסט, ער האט פיעל פערגניגען פון די ריינקייט, ער פיהלט דעם גוטען טעם, ער ווערט גאר עפים פרישער. עס לעבט זיך איהם נאר אנדערש, איז שוין דערנאך אפילו אין דיא ארבייטס טאג אין דער וואכען קען ער שוין אויך ניט פערטראגען דעם אונריינקייט. איהר זאלט איהם אפילו הרגענען קען ער שוין ניט געהן ארום זיך פאר שמוצט, אונ היט דאס אז אויף זיין מלבוש זאלל קיין פלעק ניט זיין, אבער דיא פרומע יודעלאך אז שבת יו"ט ליגט ער אין שמוץ אונ אין אונריינקייט, פעהלט איהם שוין גאר דער חוש, דער געפיהל צוא ריינקייט; דאס איז א גרויסע סבה, וואס דאדורך זיינען יודען ניט אזא ריינער נאראד, וויא יעווראפייאישע מענשען, נור דער רייכער יוד קען געהן שטענדיג ריין, אבער דיא מיטעלע קלאסע מענשען אונ דער געמיינער נאראד, וואס ארבייט א גאנצע וואך שווער אונ ביטער מיט א צובראכען הארץ מיט א פארדרייטין קאפף, ווי קען מען פון איהם

לב גם אל רעבונם מחוסר זמן פנוי ?

החובה אפוא על רבנינו וגאוני דורנו להתאמץ ולחקור ולמצוא איזה תחבולה, כי היהודים יוכלו לשמור את הנקיון בימי השבתות והחגים, כי הנקיון הוא חיינו וארך ימינו, וכשם שמצאו עצות לכל חקי התורה שאין הצבור יכול לעמוד בהם ותקנו תקנות להקל מעל העם, כמו מכירת חמץ, ערובין וכדומה, כן יחשבו הכמי

---

פערלאנגען ריינקייט, אז א גאנצע וואך קען ער ניט, און שבת טאר ער ניט.

אלזא איז א פליכט אויף אונזערע רבנים, אונזערע גאונים, אונזערע תלמידי חכמים זאללען זעהען אויס זוכען עפעס מיטלען עצות תחבולות פאר יודען אז זיי זאללען קענען פילנעווען דיא ריינקייט שבת יו"ט. ווארום דיא ריינקייט איז חיינו וארך ימינו, דאס איז אונזער לעבען און צוא ליעב ריינקייט פערלענגערט דער מענש זיינע יאהרען — זייא זאללען עפים אויסזוכען אזאלכע תקנות צוא פערגרינגערן דעם נאראד וועגין דיא ריינקייט, אזויא וויא זיי האבען געפונען תקנות אויף טראגען אום שבת, זאל מען מאכען א ערוב, אדער אויף געהן ווייט אום שבת, אדער מען זאל מעגען קאכען פון יו"ט אויף שבת, ערוב תבשילין, עירובי חצרות, דעסטגלייכען, אדער מכירת חמץ, און נאך פערשידענע זאכין, וואס דיא חכמים האבען געגעבען א עצה א פארטיל בייא דיא זאכען שאין הצבור יכולים לעמוד בהם ד"ה: וואס מען קען דאס ניט האלטען, פארגרינגערן זיי, אזויא וויא דער מהר"ם ז"ל, דער קלוגער גאון האט איינגעזעהען אז ניט נעמען קיין פ"צ, וואס דאס שטעהט בפירוש אין דער תורה, קען דיא וועלט קיין קיום ניט האבען, די מענשען קענען אזויא ניט עקסעסטירען האט ער

געמאכט

געמאכט, אז מען זאלל שרייבען אויפ'ן וועקסעל דיא ווארטער ע"פ היתר עסקא כתיקון מהר"ם ז"ל, דאן מעג ער שוין נעמען פ"צ ווארום אז ער וואלט דאס ניט גימאכט וואלט דער נאראד עובר גיוועזין אויף דעם במזיד ד"ה: זיי וואלטין ניט גיקוקט אויף דעם דין פון דער תורה אונ וואלטען גימוזט נעמען פ"צ ווייל אן דעם קען דיא וועלט ניט עקסעסטירען קען דאך דערפון ארויס קומען אז דיא יודען זאלין דיא גאנצע תורה ניט פאלגין, אלזא האט דער גאון מהר"ם ז"ל גימוזט מאכען א היתר אז מען מעג נעמען פ"צ ווען מען שרייבט אן אויפ'ן וועקסיל די ווערטער ע"פ היתר עסקא אונ דער יוד איז ניט עובר אויף דעם דין פון דער תורה דארום אז דיא דינים פון דער תורה זאל ניט זיין גרינג ביי יודען ער זאל אויף זיי עובר זיין נאר דאס פארשטעהען אללע אז דער גאון מהר"ם ז"ל האט נאר געמיינט צו מתיר מאכען נעמען געוועגליכע פ"צ אבער ניט צוא רייסען דיא הויט אזוי וויא דיא פראצענטניקעס וואס אממיינסטין באשעפטיגען זיך דערמיט נור דיא פרומע יודען אונ אויף דעם היתר רייסען זייא דיא הויט פון דיא ארימע לייט אונ דער חסיד וואס פאהרט צום רבי א גביר פון הונדערט טויזענד רו"כ מעג אפילו פארקויפען דעם ארימאנס טישעל מיט'ן בענקיל פאר 5 רו"כ פ"צ וואס עס קומט איהם (דאס איז א פאקט) נאר דער מהר"מ ז"ל איז גאר ניט שולדיג אויף דעם וואס דיא פערמאסקירטע פרומע יודען מאכען זיך כאלו לא ידעו אז זיי ווייסען גאר ניט אונ פארשטעהען ניט אז אויף צו נעמען גרויסע פ"צ ניט קיין געוויינליכע העלפט ניט דער אנשרייבען דיא פאר ווארטער אינ מען טאר געווים ניט אבער דער אמת'ער ערליכער יוד פארשטעהט גאנץ גוט דיא גרויסע עבירה פון צוא גרויסע פראצענטער נעמען, אלזא זעהען מיר אז אפילו אויף די דינים פון דער תורה אז די חכמים האבען איינגעזעהען

אז

ורבני דורנו גם את אי־הנקיון לדברים שאין הצבור יכול לעמוד בהם וגם לדברים שהוא פקוח נפש ממש, וגם, אשר לא נהיה לבוז בעיני העמים, ויבקשו עצה ותחבולה איך לשמור את הנקיון והטהרה בימי השבתות והחגים. גם נחוץ להפיץ בין העם ספרים טובים המדברים בשבח הנקיון ללמד את בנינו לדעת, כי חיי האדם תלוים רק בטהרה ובנקיון.

---

אַזֶ דֶער נַארָאד קֶען אויף קַיין פַאל נִיט הַאלְטִין אוּנ פִילְנֶעוֶוען דֶעם דִין הָאבֶּען זַייא גִימַאכְט תַּקָנוֹת פַאר'ן נַארָאד אַז עֶר זָאל דָאס מֶעגִין טְהוּעֶן אוּנ נִיט מַיינֶען אַז עֶר טוּהְט אַן עֲבֵרָה דַאמִיט כְּדֵי עֶס זָאל נִיט זַיין בַּיי אִיהם וָואכֶענְדִיג צוּא עוֹבֵר זַיין אויף אַ דִין פוּן דֶער תּוֹרָה אָדֶער פוּן דִיא חֲכָמִים אוּנ עֶר זָאל זַייא הַאלְטֶען טַייעֶר אַלְזָא זָאלֶען דִיא חֲכָמִים אוּנ דִיא גְאוֹנִים מִיט דִי רַבָּנִים אַיין זֶעהֶען אַז דִיא רַיינֶקַייט אִיז אויךְ פוּן דִיא זַאכֶען וָואס מֶען קֶען אָן דֶעם נִיט זַיין אוּנ דָאס אִיז אַ פִּקוּחַ נֶפֶשׁ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דָאקְטוֹירִים מִיט פְּרָאפֶעסָארְן הָאבֶּען אַיין גֶעזֶעהְן אַז אַלֶע קְרֶענְק וָואס אויף דֶעם מֶענְטְשִׁין קוּמְט אִיז אַמְמֵיינְסְטִין נוּר צוּלִיבּ דֶעם רַיינֶקַייט אוּנ אַללֶע חוֹלִי־רַע עֶפִּידֶעמְיֶעס ר״ל קוּמְט נָאר אויף דֶער וֶועלְט צוּ לִיבּ דֶעם וָואס דִיא ווִילְדֶע מֶענְטְשֶׁען הַאלְטִין זִיךְ נִיט רֵיין אוּנ דִיא וָואס פִילְנֶעוֶוען גוּט דִיא רֵיינַקַייט זַיינֶען בַּאהִיט פוּן אַללֶע זַארַאזְלִיוֶוע קְרֶענְק אוּנ מִיט דֶעם אִיז אויךְ דִיא רֵיינֶקַייט בַּיי אוּנְז יוֹדְעֶן אַ פִּקוּחַ נֶפֶשׁ דַארוּם אַז מִיר זָאלִין נִיט זַיין צוּ שַׁאנְדֶע בַּייא אַללֶע פֶעלְקֶער אוּנ דִיא רַבָּנִים מִיט דִיא חֲכָמִים זָאללֶען גֶעפִינֶען אַזָאלְכֶע מִיטְלֶען אַז שַׁבָּת יו״ט זָאל זִיךְ אַ פְרוּמֶער יוּד אויךְ קֶענֶען הַאלְטֶען רֵיין צִיכְטִיג אוּנ זָאלל נִיט

מיינען

מיינען אז ער איז עובר אויף דעם דין פון דיא חכמים ז"ל אונ מיר וועלען ניט זיין צו שאנדע ביי די פעלקער אונזערע שכנים.

## 7.

# הבזבוז. לוקסוס.

דאס איז בעוואוסט, דאס דער לוקסוס ברייננגט אויף יודען אלע צרות, ביי קיין נאראד אויף דער וועלט איז ניט אזוי גרויס דער לוקסוס וויא ביי אונז יודען דאס ברענגט אונז צום דלות צוא ארימקייט. מיר ווערין גראה אונ אלט פון דעם פארפלוכטין לוקסוס. מיר גייען יונגערהייד אוועק פון דער וועלט צוא ליב דעם לוקסוס, מיר ווערין פון דעם שווינדזיכטיג אזויא וויא דער ים דער מעער האט קיין גרונד ניט, אזויא האט דער לוקסוס ביי אונז יודען קיין גרונד ניט, דיא כלה וואס גיבט 300 רו"כ נדן איז רעכט אז זיא זאלל דארפען פאר טויזענד רו"כ קליידער אונ זיא איז נאך אלץ ניט צופרידען, זיא פערוויינט אונ פערקלאגט די עלטערן די קאפ. דער יוד פון קינדהייט אן, מיר שיינט נאך איידער ער ווערט געבאהרען האט ער שוין דעם לוקסוס קרענק.

פאר וואס איז דאס, דער לוקסוס ביי יודין אזויא גרויס? נאך מיין מיינונג איז נאר שולדיג אין דעם דיא קאנקורענציע. אנדערע משכילים זאגען, אז דאריבער, ווייל מיר קומען ארויס פון אזיע אונ דארט האבען זייא ליב זיך צוא פוטצען מיט פער־שידענע פעדערין, האבען מיר דעם לוקסוס א ירושה נאך גאר פון אמאליגע צייטען, נאר וואס דארפען מיר קלערען אונ קוקען אזויא וייט, אז מיר זעהען דאס מיט אפענע אויגען אונ טאפין אן מיט דיא פינגער, אז נאר דיא קאנקורענציע ברענגט דעם פער־פלוכטען לוקסוס ווארום וויא איך האב אליין געשריבען אז דיא

## ז.

## הבזבוז.

סבת הבזבוז היא ההתחרות, כי כאשר כבר אמרנו למעלה תכריח ההתחרות את היהודי להחזיק בחנותו סחורה הרבה. ולכן אנוס הוא לקחת בהקפה. ואולם למען יאמינו בו הסוחרים ויאותו לתת לו סחורה בהקפה, הוא מבזבז ממון הרבה, למען אשר יתראה כעשיר גדול ובעל אוצרות, ומאשר יוציא את כל כספו בבזבוז, עליו לקחת הקפות גדולות וכן הוא מוסיף והולך מעלה מעלה עד נפלו ממרומים לבאר שחת וכל

---

קאנקורענציע נייט דעם יודען ער זאל האלטען אמאסע סחורה אין געוועלב, מוז ער דאך נעהמען סחורה אויף הקפה, אלזא מוז ער געהן רייך געקליידעט, אונ אזויא מוז ער פיהרען דיא פרויא מיט דיא קינדער כיד הגבירים אויפ'ן רייכען ארט, אונ אזוי מוז ער וואוהנען אין א שאן אויס געמעבלירט וואהנונג כדי מען זאלל איהם האלטען פאר א גביר, וועט מען איהם געבען אמאסע קרעדיט. אויף צוא בעקומען טויזענד רו"כ הקפה, מוז ער פערברענגען 900 רו"כ אויף לוקסוס, ווארום חלילה וחס אז ער וועט געהן אין א פראסטע קאפאטע אונ דיא פרויא מיט דיא קינדער אין פראסטע ציצענע קליידלאך נאר ריינע וועט ער אגראשין ניט קריגען קיין קרעדיט, אונ ווייל אז ער דארף זיך גרויס פיהרען מוז ער דאך שוין האבען מעהר קרעדיט, אזויא דרייט ער זיך, אונ מאטערט זיך מיט דער נשמה ביז ער פלאצט. צוא פריהער צוא

שפעטער

עצמותיו ינופצו. פתגם ההמון הוא, כי „כל סוחר מוכרח לפשוט את הרגל ומי שלא פשט את הרגל סימן הוא, כי מת בלא עת", ואמנם אמת ונכון הדבר. הבזבוז יצעיד את האדם לבאר שחת או יביאוהו לעשות מעשים, אשר לא יעשו: לרמות, להונות, לגזול ולחטוף על ימין ועל שמאל.

והעון הגדול הזה, עון הבזבוז דבק באחינו עוד מימי ילדותם, והבנים והבנות ימוצו את לשד אביהם ואת דמם כעלוקות וישחירו את פניהם כקדרה, וכל איש יהודי הנוסע עם סוס אחד חלש ורפה כח רודף ורוצה

---

שפעטער. דער שפריכווארט זאגט אז יעדער סוחר מוז זיין א אנזעצער, נאר ווער עס האט ניט אנגיזעצט איז א סימן אז ער איז געשטארבען פאר דער צייט, דער לוקסוס ברענגט דעם מענשען צוא געהן פון שפיץ בארג אין טיפין גרוב, דער לוקסוס ברענגט דעם מענשען צוא טהון אללע פערברעכען, צוא איבער־געהן אללע לאנד געזעצע אין דיא מענשהייט, צו וואס ברענגט ניט דער לוקסוס? דעם יודען, ער געהט אום שווארץ וויא א גליאווניע, דיא קאפ דרייט וויא א מאשין, אונ קלערט וואו ער זאלל נעהמען דיא מאדנע היטעלאך מיט דיא פאסיקלאך אונ פערשידענע נארישע פארפוצאכץ.

דיא צווייטע סבה צום לוקסוס איז, דיא אבעזיאניע נאטור וואס עס ליגט אין מענשען נאך צו טהון איינער דעם צווייטען, אונ בייא יודין איז דאס מעהר איינגיווארצילט דיא נאטור נאך צוא טהון אללעס וואס יענער טהוט (אט דיא קרענק קען זיין איז נאך פון אזיע אן) אז איינער פאהרט מיט א שוואכען שלעכטען פערד אונ וויל נאך יאגען דעם וואס פאהרט מיט 2 פערד, וואלט דאס אפשר קיין גרויסע נארישקייט ניט געוועזען, אבער ער וויים

להשיג את חברו הנוסע עם שני סוסים אבירים, וזה אשר לו שני סוסים רודף אחרי הנוסע עם שלשה סוסים וכן הלאה. נמצא כי היהודי הנוסע עם סוס אחד נבלה חלש ורפה רוצה לרדוף ולהשיג את הנוסע עם שלשה סוסים אבירים, כי „כל ישראל בני מלכים הם", כלם

---

דאך אז דער וואס פאהרט מיט 2 פערד, פאהרט אויך ניט מיט דער נאטור, נאר ער יאגט זיך נאך דעם, וואס פאהרט מיט 3 פערד, וועלכע זייא יאגען נאך 4 אונ זא ווייטער. קומט אויס: אז איינער וואס פאהרט מיט אשוואכען פויליגען שלעכטען פערדיל לויפט נאך יאגען דעם וואס פאהרט מיט 6 שטארקע גוטע פערד, נו קען דאס אויס געהאלטען זיין, ליעבע ברידער?

א דריטע סבה צום לוקסוס איז וואס אללע יודין זיינען מיוחסים וויא דיא גמרא זאגט, כל ישראל בני מלכים הם, אללע יודען זיינען קעניגליכע קינדער, יעדער יוד איז א יחסן, דער יחוס בעשטעהט אין דעם, וואס ער איז ניט קיין בעל מלאכה, אז מען וויל לויבען א יונגען מאנן אונ זאגען דאס ער איז א יחסן זאגט מען: ער איז א בעל־בתיש קינד, ווייסין שוין אללע אז ער איז א פיין ארענטליך קינד, דאס הייסט: ער איז ניט קיין בעל־מלאכה אונ ער האט ניט קיין פאך אין דער האנד. אז מען זאגט א בעל־בתיש קינד הייסט דאס — אנארנישט: ער קען ניט קיין ארבעט. אונ ניט קיין זאך, ניט לערנען ניט שרייבען. ווארום ווען ער וואלט געקענט א ארבייט רחמנא לצלן, וואלט מען געזאגט אויף איהם אז ער איז אפראסטער מענש א בעל מלאכה, ער וואלט געקענט לערנען, וואלט מען געזאגט, דאס ער קען לערנען, ער וואלט געקענט שרייבען, וואלט מען געזאגט ער קען גוט שרייבען, נאר דער נאמען בעל־בתיש קינד, וואס מען רופט אויף דאס רוב

הם בעלי נפש רחבה ומיוחסים גדולים ולכן לא יתבוננו אל מצבם, יחקו את מעשי רעיהם במלבושיהם ובהנהגת ביתם וכן בעסקיהם בלי שים לב אל כיסם הדל.

עלינו אפוא להוציא ספרים בלשון המדוברת ובשפת עבר, ולהורות במו את בנינו השכם והורות, כי

---

יודישע קינדער, הייסט דאס אין גאנצען — אגארנישט, נאר איין מעלה, וואס ער איז קיין בעל מלאכה ניט אונ זיין טאטע איז אויך קיין בעל־מלאכה ניט ר"ל. אונ ווער רעדט אז אין זיין גאנצע פאמיליע געפינט זיך ניט קיין בעל־מלאכה, קיין איין מענש ניט, וואס ער לעבט פון יגיע כפו, דאס איז ביי יודען שוין גאר פון די גראסטע מיוחסים, זיי קומט שוין געהן אנגעטאהן אין סאמעט אונ אין זיידענס, אונ ווער איז גלייך מיט זייא? ניט קוקענדיג אויף זייער ארעמען פוסטען בייטעל.

דאריבער, ליעבע ברידער, דארפען מיר ארויס געבען ביכער אויף שזארגאן אונ לשון הקודש צו לערנען אונזערע קינדער אונ געבען זייא צוא ערקלערען דיא שלעכטס, דיא צרות וואס דער לוקסוס ברענגט אויף דער וועלט, אונ לערנען זייא, אונ געבען זייא צוא פארשטעהן אז הסתפקות איז א חצי פרנסה, דער לעבען־שפארזאם מיט רעכנונג, בענוגענען זיך מיט דעם. וואס גאטט העלפט אונ לעבען וויא מען קען, דאס אלליין איז א האלבע פרנסה, אונ ניט דיא קליידער מאכען שאהן דעם מענשען, נאר די ארבייט, די קענטנים, די ארענטליכקייט, אונ ווען א ארימאנן טהוט אן צו טייערע קליידער, ניט נאך זיין פערמעג, איז נזם זהב באף חזיר, וויא א חזיר טהוט אן א גאלדענע קייט, אונ געבען אונזערע קינדער צוא ערקלערען צוא וואס דער לוקסוס ברענגט דעם מענשען צוא ארימקייט אונ דאס פיהרט איהם צוא אללע

אונגליקען

עליהם להמנע מלכת בדרכי מפזרי כספים ללא הועיל, למען ייטב להם והיו מאושרים בתבל.

---

# ח.

## העזות *).

„ירהבו הנער בזקן והנקלה בנכבד” — זו היא הרעה הגדולה והנוראה, אשר דבקה בנו מאז, ואשר בגללה באו עלינו צרות רבות ורעות והוא אבן נגף וצור

---

*) (הקורא בשפת עבר יקרא נא את דבר העזות (ח) בשפת שזארגאָן, וגם דבר השפה (ט) וימצא די עונג!.

---

אוּנְגְלִיקְען. אַז מֶען וֶועט דָאס אַללֶעס אַיינְפְּלַאנְצֶען אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פוּן קִינְדְהַייט אָן וֶועלֶין מִיר זַיין דִיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע אִין דֶער וֶועלְט.

---

## 8.

## דִיא עַזּוּת.

יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא הָאט גֶעזָאגְט „יִרְהֲבוּ הַנַּעַר בַּזָּקֵן, וְהַנִּקְלֶה בַּנִּכְבָּד” דֶער יוּנְגֶער מַאנְן הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס גֶעגֶען דֶעם אַלְטֶען, אוּנ דֶער גְרִינְגֶער גֶעגֶען דֶעם גִיעֶרְטִין בְּכָבוֹד'ן מֶענְשֶׁען. דָאס אִיז בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים בַּייא אוּנְז דֶער גְרֶאסְטֶער פֶעהְלֶער, אוּנ דָאס אִיז דִיא עֶרְגְסְטֶע פֶערְצִיהֶענְדִיגֶע חָארָאנִיטְשֶׁעסְקֶע קְרֶענְק. אוּנ דַארִיבֶּער אִיז בַּייא אוּנְז אַלְלֶעם אָן אָרְדֶענוּנְג אוּנ דַאדוּרְךְ קוּמְט

אויף

Еврейс... ой историко-литер... Библиотека академическ... фэрейна ... Эврееф

מכשול על כל דרכינו בחיינו, כי הנה גם איש יחיד אם יתנהג בלי סדר ומשטר לא יוכל לעמוד ולהתקיים ומכ״ש עם שלם הרועה במרעה זרים, מפוזר ומפורד בין העמים בלי רועה, בלי שופט ומנהל ובלי שומר מן הרוחות הרעות ומן הפגעים הרעים, ולכן המשטר והסדר נעדר, ולא נפלאת היא בעינינו, כי הננו ללעג ולקלס לבז ולמשיסה וכל אוכלינו לא יאשמו.

---

אויף אונז אַלע צרות. זָאלען מיר זֶעהען. אַז אַ איינצעלנער מענש, ווען ער פיהרט זיך אָן אָרדענונג קען ער ניט עקסעסטירען, בפרט אַ גאַנצער נאַראָד, וואס פּאַשעט זיך אין אַפרעמדע פּאַשע צווא שפּרייט און צו זייט צווישען פיעל פּאַסטוכער פון די פעלקער אין די ווייטע לענדער אָהן אַ אייגענעם פּאַסטוך אָהן אַ פיהרער אָהן אַ היטער, זָאל זייא בּאַהיטען פון אַללע שלעכטע ווינטען, פון אַללע שטורימס, פון אַללע שלעכטע מענשען, וואס זיינען ווילד, ווי די ווילדע טהיערע און דאַריבּער איז בּיי אונז קיין אָרדענונג ניט פראַנען, איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואס מיר זיינען אַזויא צו שאַנדע בייא די איבּריגע פעלקער און מיר זיינען אַזא שוואַכער פאָלק, אַז ווער עס האָט געוואָלט האָט גענעסען אונזער פלייש און געטרונקען אונזער בלוט, וויא זיין הארץ האָט געגלוסט אין אַמאָליגע צייטען. אונזערע שונאים האָבּען געמאַכט פון אונז פערשיעדענע פּאַטראַוועס אַסך הונדערטער יאָהרען: דער האָט געבּראָטען דעם יודען אויף אַ שפּיז און האָט איהם אויף גיגעסען, דער האָט איהם געקאַכט אין זודיג וואַסער, דער האָט איהם פערצוקט, און דער האָט איהם צוריסען, דער האָט איהם געטראָטען מיט די פיס. דער האָט איהם געשניטען אויף שטיקער, און האָט גיגעסען דעם יודען לעבּעדיגער הייד. דער האָט

איהם

אחי היקרים! כבר באה העת לחוש ולהרגיש את כל הצרות והפגעים הבאים עלינו ולשום לב לדעת מה הוא בעוכרינו...

בני ציון היקרים! איככה תתאמרו לבנות את ציון

---

איהם דיא ביינער צו בראכען. דער האט איהם דעם מארך אויס געטרונקען, דער האט איהם ערטרונקען אין וואססער, דער האט איהם געברענט אין פייער, אונ זיין אש האט מען צושפרייט אויף אללע וואססערין; עס איז שאן, גאטט צוא דאנקען, היינט נוט דעם יודעלע אין יעוורופיע, אבער עס איז נאך דא היינט אויך אזעלכע ווילדע לענדער, וואס מען טהוט נאך דעם יודעלע אזעלכע געברענטע ליידען אפשר נאך ערגער ווי אמאל, מיט אנדערליקאטנערע אופן, עס איז נאך היינט אויך, אז ווער עס קלינגט זיך, וואס מעהר צוא טאהן יסורים דעם עווינגען יודעלע דער קריגט א גרויסען נאהמען אונ ווערט גערימט פאר א גרויסען מענשען.

צוא יענע יודעלאך. מיינע ליבע ברידער, רעד איך אונ זאג זייא, אז עס איז שוין לאנג צייט געוועזען, אז זייא זאללען אנהויבען צוא פיהלען אונ זאללען נים זיין א געשטארבענער נאראר, וואס פיהלט גאר נים קיין יסורים, עס איז שוין לאנג צייט זיי זאללין אנהויבען אפ צו לעבען אונ אנהויבען דערפיהלען זייערע גרויסע יסורים וואס איז גאר נים מענשליך איבער צוא טראגען, זייא זאללען זיך אנהויבען אומצוקוקען זיך אויף זייערע פעהלערין אונ אויף אללע זייערע שווערע קרענק אונ אויף זייער פינצטערין ביטערין גורל.

מיינע טייערע ציוניסטין, איהר בני ציון, וואס איהר וואהנט אין ירושלים, וויא קענט איהר זאגען אונ טראכטין צו בויען ציון,

אונ

ולעשות את ישראל לעם מיוחד, אם אין בנו כל משמעת, כל סדר ומשטר „ירהבו הנער בזקן והנקלה בנכבד" ?

ראו נא והתבוננו מאד! בני כל העמים כבד יכבדו את הזקנים. גם בני בליעל, פוחזים וריקים לא יעיזו לפגוע בכבוד איש זקן. הבוערים בעם כבד יכבדו את תלמידי החכמים ואת המלומדים. המורים יכבדו על פני העם; בבתי האצילים יעריצו כל בני הבית את המורים הפרטים ולמוצא שפתם ייחלו, ובני עמנו? הה, הנערים ילעיבו

---

אין זיין א זעלבסשטענדיגער נאראד, מיט דעם רשיון פון אללע מלכים ווען „ירהבו הנער בזקן והנקלה בנכבד", ווען ביי אונז איז קיין דרך ארץ ניט פאראנען. דער יונגער מאנן שפאט און לאכט פון אלטערע, און דיא קלענערע פון דיא גראסערע, און דיא פראסטע מענשען פון דיא תלמידי חכמים, דיא הערצער זיינען ביא אונז צוריסען, עס איז קיין ארדענונג ניט דא.

ליעבע ברידער, טהוט נאר א קוק אויף אללע פאלקער, און זעהט, וויא ביא זייא האבען יונגע לייט דרך ארץ פאר עלטערע אפילו שוין גאר דער גרעסטער צולאזענער יונגער מענש, דער גנב, דער מערדער, האלט ערליך א אלטין מאנן און זייא געבין איהם אפ עהרע, און דיא פראסטע מענשען האלטען עהרליך די תלמידי חכמים, דיא גילערנטע מענשען, דיא לעהרערס ביא אללע נאראדען, ווי זיי זיינען אומעדום גישעצט, ווען מען זאגט דאס איז א לעהרער, איז דאס אגרויסער טיטול ביא זיי. דיא גאנצע הויזגעזונד פון קליין ביז גרויס האבען דרך ארץ פאר זייער הויז לעהרער, און ער איז ביי זיי געשעצט, וואס קען געשעצטער ניט זיין, אבער ליידער וואס איז ביי אונז? א נגע צרעת א קרענק, אז דרך ארץ פעהלט ביא אונזערע קינדער אין גאנצען. דיא

יונגע

בזקנים והבורים בתלמידי החכמים. התלמידים יבוזו ויחרפו את מלמדיהם ומוריהם, כי מהוריהם ילמדו לשום בהם תהלה, וגם המבשלת אשר בבית גדולה במעלה היא בעיניה הרבה יותר מן המלמד והמורה, ובקצפה תשפוך עליו כל חמתה. ואם המלמד, או גם אדון הבית יעשה דבר ולא רוח המבשלת, אז יקל בעיניה ותבז אותו בלבה ותשמור להם שנאה ואיבה ותשפוך עליהם בוז לפני שכנותיה וחברותיה, ותדבר עליהם דופי ותקללם קללות נמרצות. גם העגלון הקל שבקלים, הבור שבבורים, ההדיוט שבהדיוטים והגנב שבגנבים אם ישמע

---

יונגע שפאטין אונ לאכען פון דיא אלטע, דיא בורים פון דיא תלמידי חכמים, די תלמידים די שילער זיינען מבזה אונ שענדין זייערע לעהרערס. דער ווארט מלמד, דאס הייסט לעהרער, איז ביא אונז יודען דער שענדליכסטער ווארט, ווארום דיא קינדער הערין אונ זעהען אז זייערע עלטערין שענדין אונ האלטען דיא לעהרערס פאר נידריג, אללע דינסטען אללע הויז משרתים האלטין זיך גראסער פאר זייער הויז מלמד, לעהרער, אונ אויך דער לעהרער ער מעג זיין דער גראסטער למדן א גילערינטער מענש, אדער אפילו דער הערר אליין איז א גרויסער תלמיד חכם אז ער פיהרט זיך ביי זיך אין הויז ניט ווי די קעכין איז געזאנען ניט נאך איהר געפיהל נאך, וויא זיא האט איבערגענומען ביא איהר נארעשע מאמען אונ ביא איהר פראסטען טאטען, האלט זיא איהם נידריג אונ ער האט ביא איהר קיין ווערדע ניט אונ זיא איז איהם מבזה פאר די שכנים אונ שעלט איהם מיט טויטע קללות, אונ ער דער הערר דער תלמיד חכם איז גירעכינט ביא זיין פרומע קעכין ווי דער הונד. דער גראסטער גראבער יונג, דער עם הארץ, דער

גנב

מפי תלמיד חכם מלה אחת, אשר היא מתנגדת לדעתו, אז ירוק בפניו, יקלל ויחרף אותו וגם אבנים ידה בו.

כן הוא העם הזה, וזה דרכו, דרך שאול. החכמים והסופרים שבכל העמים יכולים הם להורות את העם בינה ולהוציאו מאפלה לאורה, כי ההמון שומע בקולם

---

גנב אז ער וועט הערין איין ווארט פון א חכם אגילערנטען מענשען ניט וויא זיין מיינונג, אדער ער וועט זיך פיהרען ניט וויא דער פראסטער גנב דער מערדער, וויא זיין קליין פערשטאנד, וואס זיין נארישע מוטטער אדער דער טאטע דער שכור האט איהם געלערנט, דאנן וועט ער דעם תלמיד חכם פערשטיינען אונ איהם אן שפייען אין צורה.

אזויא איז אונזער פאלק, אזויא פיהרט ער זיך, אונ דאס ברענגט אונז צום אונגליק אונ צוא זיין אזויא נידעריג, ווארום ביי אללע נארודין קענען דיא חכמים דיא געלערנטע מענשען דיא שרייבערם דיא לעהרערם לערנען זייער פאלק אונ אויסראטין פון זייא אללע זייערע נארישקייטין אונ זענען אין שטאנד ארויס צוא פיהרען דעם פאלק פון זיי'ערע פארבלענדעניש. זיי עפענען זייערע נארודין דיא אויגען זייא זאללין קענען זעהען דיא ליכטיגקייט די שטראהלען פון דער זונן. יעדער איינציגער ביי אללע פעלקער ווייס זיין קליינעם ערך בעשטאנד געגין זיין חבר, וואס איז גרעסער פון איהם אין חכמה אין בילדונג. דער המון שעצט אונ גיט עהרע איהרע געלערנטע אונ הערט דיא שטיממע פון דיא חכמים, דער המון ווייס אז ער ווייס גאר ניט, אונ לאזט זיך לערנען פון די קלוגע ארינטליכע מענשען; אבער מיר יודען לייד'ער, וואס קענען מיר מאכען מיט אונזער פאלק וואס קענען מיר איהם לערנען, ווער וועט אונז פאלגין ווער וועט אונז הערין וואס שפילט בייא

אונזער

ובוטח בהם ובחכמתם, ואנחנו היהודים מה נעשה? איככה נורה דעה לעמנו ומי זה יקשיב וישמע בקול חכמינו דורשי טובתנו?

---

אונזער המון א ראליע א חכם א גילערנטער, און ביי די מיטעלע קלאסע מענשען און ווער רעט אז דער וואס קען עטוואס לערנין ער האט שוין איינגיטונקט מיט'ן שפיטץ שטעקין אין דער חכמה, מי ידמה לו מי ישוה לו, ווער איז גלייך צו איהם, ווען ווען ווערט ער שוין הערין, וואס איז שוין ביי איהם א ווערדע א חכם א אמת'ער משכיל. עס איז עפים ביא אונז אזוי איינגעווארצעלט דער ביטול, ד"ה: יענעם מאכען צו גאר ניט, אז יעדער איינציגער וויל אליין עפים מבטל זיין דעם אנדערין, כולנו חכמים כולנו נבונים, כולנו יודעים את התורה, ד"ה: מיר זיינען אללע קלוג, מיר זיינען אללע פערשטענדיג, מיר ווייסין אללע דיא תורה. דאס האבין שוין לאנג געזאגט אונזערע חכמים, אט דאס איז דער גראסטער פעהלער וואס ברענגט אונז אין פינסטערן גרוב — אט דער כולנו, איי, כולנו, מיר זיינען אללע חכמים דאס טויג ניט, אז יעדער יוד איז ביא זיך א גאנצער יש אפאלקאמער מענש, פון קלענסטין ביז גרעסטען, טאמער ווילען דיא חכמים אונזערע וואהרהאפטיגע לעהרער געבין אונז א דרייא אן א זייט, ד"ה זייא ווילען אונז אויס בעסערען אונזערע שלעכטע מדות שלעכטע מנהגים אלטע געוואהנהייט, איז ניט אריר פון ארט, און זייא דיא חכמים קומט שוין ווערפאר ארבע מיתות בית דין, אללע טויט קערפערליכע בעשטראפינג, אזוי וויא אין פערסיען אז מען האט געמאכט דעם ערשטין באהן, דער נאראד האט געזעהען א גאנצער דארף עס שלעפט זיך גאנצע הייזער מיט מענשען מיט סחורה, האבען זיי געזאגט אז דאס איז שדים און האבען זיך געלייגט אויף דיא

רעלצען

רעלצען א פאר טויזענד מענשען אונ האבען ניט געלאזען גיין די באהן ביז דער שאך האט געהייסען אז דיא באהן זאל ארויף אויף דיא מענשען אונ יעצט זעהען זייא שוין אז דאס איז ניט קיין שדים נאר הכמות, אונ דאס ברענגט פיל נוטצען פאר די מענשען, אט אזוי איז אין אללע ווילדע לענדער בייא אללע ווילדע נאראדין אזוי איז אין חינע א לאנד מיט 400 מיליאן מענשען שטייען זייא אויף איין ארט אונ ווילען זיך ניט געבען קיין ריר זייא האבען גאר ניט געוואלט אריין לאזען קיין השכלה קיין בילדונג קיין נייע שיינע קלוגע מנהגים, זייא זאגין אויך, אז א מנהג איז א תורה אונ מען טאר זיך אין דעם ניט אנרירען חלילה וחס, אבער אויף אלעם אצייט, יעצט האט מען חינע דערפאר צוקלאפט, אונ מען האט אויפ־גיעפענט דיא פענסטער אריין צו לאזען דיא עווראפייאישע בילדונג, יעצט טהוט זיך דארט גרויסע קריג מלחמות, די אללע גייסטליכע שרייען ערשט אונ וויינען, ווארום פאר זיי איז די בילדונג אוורעד א סם, אונ אזוי די קנאים די אללע פאנאטיגע אונ דער פראסטע נאראד ווייס דאך נעבאך גאר ניט, ער מיינט נעבאך אין אמת, אז דיא בילדונג איז א טרפה זאך, אונ דאס ברענגט דעם מענשען אין גיהנם אריין, אונ דיא מלאכי חבלה מוטשען איהם דערנאך.

די אלע גייסטליכע אין די ווילדע לענדער זעהען אז עס הויבט זיך אן ווייזען די בילדונג, די מענשען ווילען עסען פון עץ הדעת, וועלען זייא דאך זעהען ווי זיי זיינען נאקעט, וויא דיא גייסטליכע צופין אוים זייער וואל אונ שינדין זייערע פעל רייך צו ווערין פון זייא נור פון דעם וואס זייא דער נאראד זיינען דום נאריש. דיא גייסטליכע אין דיא ווילדע לענדער האבען אגרויס קראפט, זייא האבען מורא פאר זייער פינסטערין סוף, זייא האבען מורא אז זייער ממשלה וועט אויסגעהן, אז דעם נאראד וועט זיך עפענען

דיא אויגען אונ וועללין דערזעהען וויא מען שינד זיי דיא הויט , שטעלין דיא גייסטליכע אויף א חברה אזיאטען , ד"ה : געגען דער בילדונג זייא נעהמען אריין אין דער חברה דיא גרעסטע גבורים , דיא גרעסטע מענשען דיא רייכסטע אונ נעהמען אריין קלוגע מענשען אויך אונ דעם המון אודאי אונ מאכען אללע יד אחת איין גרויסע חברה אז זיי זאללין שטערען די בילדונג פארשמירען אללע שפעלטעלאך וואס די בילדונג קען זיך דארט אריין גנבענען , ווארום דיא בילדונג איז זעהר אדאליקאטנע זאך אין די קלענסטע שפעלטעלע קען זיא זיך אריין גנבה'נען. — אט דיא אזיאטען האבען שוין אויף דער וועלט פארגאסען טייכען בלוט , זייא געהען מיט די גרעסטע קרעפטען , וואס גיבט אויף דער וועלט , צו שטערין דיא בילדונג , צוא פארפינסטערין די ליכטיגקייט , אבער צום גליק פון אללע נאראדין האט זיך דיא בילדונג פארט דורך געשפארט אונ האט שוין אביסיל אויף גיעפענט דיא אויגען פון אללע נאראדין . זיי הויבען שוין אן צו זעהען וואו זיי זיינען אין דער וועלט אונ מען האט זיא שוין אפגעפיהרט פון גרויסע נארישקייטען אונ לאזען זיך ניט אזוי נארין פון דיא גייסטליכע אין דיא ווילדע לענדער .

למשל : עס איז געוועזען אמאל מיט אפאר הונדערט יאהר צוריק , האט דער גרעסטער גייסטליכער צו גענומען בייא דיא גרויסע ריצארעס בייא דיא חראביעס זייערע עבירות זינד פאר געלט אונ האט זייא ארויס געגעבען א קוויטעל אז עס איז פאר־געבען אלע עבירות אונ פאר די קוויטלאך האבען זייא גאנץ טייער גיצאהלט יעדער לויט זיין פערמעגען . מען האט געצאהלט 100 טויזענד דוקאטין אויך פאר אזא קוויטעל , דער נאך האט זיך דער גייסטליכער מישב געוועזען אויף א בעסערען פלאן , וויא צו צונעהמען דאס גאנצע געלט פון דיא חראביעס , ער האט ארויס געגעבען קוויטלאך אז מען מעג זינדיגען ווייטער אונ האט פאר

אזאלכע

אזאלכע קוויטלאך : געשטעלט גאר א טהייערען פרייז, יעדער חראביע נאך זיין פארמעג נאך האט געקויפט דיא קוויטלאך אויף א לענגערע צייט : איינער האט געקויפט אויף א יאהר אז ער מעג זינדיגען אונ דער גרויסער גביר האט געקויפט אויף עוויג א קוויטעל, דאס ער מעג דעם גאנצען לעבין זינדיגען, דאס איז גיוועזען גאר א טייערער ביסין, אז א מענש מעג זינדיגען וויפיעל ער וויל, איז דאך דאס טאקי ווערטה גאר אהן א שאטץ, אונ דערצו איז ער נאך רייך אונ שטארק אויך. נאר צו יעדער נארישקייט אויף דער וועלט מוז נעהמען א ענדע ניט פריער איז שפעטער, עס האט זיך געפונען איינער אקלוגער חראביע אונ ער האט געמאכט מיט איין מאל א ענדע צוא דער ווילדער נארעשקייט, ער האט אויפגעעפענט ביים גאנצין נארד די אויגען אונ ער האט נאך דערצו פיעל געלד פערדינט, דער קלוגער חראביע האט געשיקט א בריעף צום אבער גייסטליכען אז ער וויל קויפען א קוויטעל, דאס ער זאלל מעגען עוויג זינדיגען דערפאר וועט ער אבצאהלען 300 טויזענד דוקאטין, בעט ער אז דיא גייסטליכע וועלין פאהרען איבער׳ן לאנד טהיילען דיא קוויטלאך, זאללען זיי זיך אללע אויף קומען צו לעצט צו איהם וועט ער זיי בעצאהלען דאס געלד אונ וועט מאכען א גרויסען באל פאר זייא. עס איז אזויא געוועזען : זייא זיינען אללע אריינגעפאהרען צו איהם אין הויף אונ האבען מיט געפיהרט מיט זיך פיל פאוואזקעס מיט געלד, וואס זייא האבען צוזאממען גענוממען בייא דיא אללע חראביעס. ער האט זייא אפגעציילט דאס געלד אונ גענומען בייא זייא דעם קוויטעל, האט ער געהאלטען בייא זיך אונטערן פאלע א העקיל אונ זאגט צוא זייא נו ליעבע גייסטליכע יעצט מעג איך שוין זינדיגען ? ענטפערען זייא יע. נעמט ער דאס העקיל אונ האקט זייא אפ אללע דיא קאפ אונ נעהמט צוא אין גאנצען דיא געלט

אונ

און דיא 10־דלִיגֶע מִילְיָאנֶען וָואס זַייא הָאבֶּען מִיט גֶעפִיהרְט. דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרויסֶען שְׁטוּרְם אוֹיף דֶער וָועלְט. דֶער אָבֶּער גַייסְטְלִיכֶער הָאט זִיךְ נָאר גֶעשֶׁעמְט אוֹיס צוּ זָאגֶען וֶועגֶען דֶעם. און דֶער גַאנְצֶער נַארָאד הָאט זִיךְ גוּט צוּ לַאכְט און הָאבֶּען זִיךְ יֶעצְט אוּמְגֶעקוּקְט וְויא וַוייט זַייא זַיינֶען נַארִישׁ גֶעוֶועזֶען בִּיז יֶעצְט, דֶער קְלוּגֶער חְרַאבְּיֶע הָאט גֶעקְרִיגֶען אַ דַאנְק פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט דֶערְפַאר וְואס עֶר הָאט גֶעוויזֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיינֶען נַארִין און הָאט פִיל גֶעלְד בֶּעקוּמֶען.

אָט אַזויא דַארְפֶען דִיא חֲכָמִים דִיא גֶעלֶערְנְטֶע מֶענְשֶׁען וויסֶען דִיא פָארְטְלֶען ווִי אַזוי און מִיט וָואס אָפּ צוּ פִיהרֶען דֶעם נַארָאר פוּן זַייעֶרֶע פִינְסְטֶערֶע נַארִישְׁקַייט, און אַזויא פִיהרְט זִיךְ אִיבֶּערַאל דִיא וֶועלְט אַז עֶס קוּמְט אַיין קְלוּגֶער וַוייזְט עֶר אוֹיף אַז דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט זֶענֶען נַארִין. אַשְׁטַייגֶער אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט אוֹיף גֶעוויזֶען דִי גָאטְהַייט אין אוֹיפְגֶעוויזֶען אַז דִי גֶעטְצֶען דִינֶער אִיז אַלֶץ נַארִישְׁקַייט, עֶר הָאט פוּן אָנְפַאנג פִיל גִילִיטֶען דַארִיבֶּער. אָבֶּער עֶר וְהָאט זַיינְס אויסְגֶעפִיהרְט, אַזוי אִיז שְׁטֶענְדִיג: דִיא וֶועלְט פִיהרְט זִיךְ אָפּ הוּנְדֶערְטֶער יָאהרֶען מִיט נַארִישְׁקַייט בִּיז עֶס חַאפְּט זִיךְ אַרוֹיס אַיין קְלוּגֶער און וַוייזְט אוֹיף אַז דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נַארִישׁ. דֶער גְרֶעסְטֶער נַער אִיז דִיא וֶועלְט. דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע בְּהֵמָה, נָאר עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ אַיינְצֶעלְנֶע קְלוּגֶע מֶענְשֶׁען, וָואס זַיי גֶעווַיינֶען בִּיסְלִיכְוַויים אָפּ דִי וֶועלְט פוּן זַייעֶרֶע נַארִישְׁקַייטֶען, בִּיז עֶס וֶועט וֶוערֶען אַמָאל אַזאַ וֶועלְט, אַז עֶס וֶועט טַאקִי זַיין כּוּלָנוּ חֲכָמִים כּוּלָנוּ נְבוֹנִים כּוּלָנוּ יוֹדְעִים אֶת הַתּוֹרָה אַללֶע וֶועלִין זַיין קְלוּג און וֶועלִין זִיךְ נִיט לָאזֶען אָפְּנַארֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע חִיטְרֶע מֶענְשֶׁען, דַאמָאלְס וֶועט דִיא מֶענְשֶׁען זַייעֶר גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. אָבֶּער עֶס אִיז נָאךְ גַאנְץ לַאנְג צוּ וַוארְטֶען נָאר דֶערְוַוייל לִיבֶּע בְּרִידֶערְלַאךְ אִיז גַאנְץ שְׁלֶעכְט. יֶעצְט אִיז אַגְרויסֶע מִלְחָמָה,

אגרויס׳ער

אַגרויסֶער שְׁטְרֵייט. דיא בִּילְדוּנְג מִיט דיא פַאנַאטִיזְמוּס, ד"ה: דיא לִיכְטִיגְקֵייט מִיט דיא פִינְסְטֶערְנֶעשׁ, עֶס גִיסְט זִיךְ בְּלוּט אִין דיא גַאסֶען, אַדַאנְק דִי יַעווֹרָאפֵּייאִישֶׁע רֶעגִירוּנְגֶען וָואס זַיי זֶעהֶען צוּ פַארְגְרֶעסֶערִין דִי בִּילְדוּנְג, פִירֶען אָפּ דֶעם נַארְאד פוּן אָבֶּערְגְלוֹיבִּישְׁ־קַייט, אַ שְׁטֵיינֶער וִוי כִּשׁוּף צוֹיבֶּעַרֵייא הָאט אַמָאל גֶעשְׁפִּילְט גָאר אַגְרוֹיסֶע רָאלֶע, קֶענִיגֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְנִיט פַאר דִי צוֹיבֶּערִין דִי כִּשׁוּף מַאכֶערִין, זַייא הָאבֶּען גֶעמַאכְט מִיט דִי נַארָאדִין וָואס זַייא הָאבֶּען גֶעוָואלְט, אוּנ הַיינְט אַדַאנְק דִיא גֶעבִּילְדֶעטֶע רֶעגִירוּנְגֶען אִיז שׁוֹין אוֹיס כִּשׁוּף, מֶען זֶעהט מִיט אָפֶענֶע אוֹיגֶען אַז עֶס אִיז נָאר גֶעוֶועזֶען אַ טוּמַאן וָואס דִי ווִילְדֶע קְלוּגֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען פַארְפִינְסְטֶערט דִיא נַארֶעשֶׁע נַארָאדִין מִיט חִיטְרָאסְט מִיט פַאלְשְׁקֵייט אוּנ גֶעשְׁרָאקֶען דֶעם נַארָאד אַז עֶס אִיז אַ בֶּער אִין וָואלְד אַזוֹיא וִויא מֶען שְׁרֶעקְט אַקִינְד אוּנ זַייא הָאבֶּען כִּמְעַט גֶעפִיהרְט דִיא וֶועלְט פַאר דִיא נָאז הַיינְט לַאכְט מֶען זִיךְ אוֹיס פוּן דֶעם.

אַדַאנְק דִיא עֶוורָאפֵּייאִישֶׁע רֶעגִירוּנְגֶען, וָואס זַייא הֶעלְפֶען דִיא אַללֶע קְלוּגֶע גֶעלֶערְנְטֶע מֶענְשֶׁען זַייא זָאללִין דֶערְגֵיין אַללֶע מָאהל מֶעהר נַייֶעס מֶעהר מַאשִׁינֶען צוּא פַארְגְרִינְגֶערֶען דֶעם מֶענְשִׁינְס לֶעבֶּען, מֶעהר רְפוּאוֹת צוּא פַארְהִיטֶען פוּן אַללֶע קְרֶענְק וָואס אַמָאל פְלֶעגְט דִיא וֶועלְט אוֹיס שְׁטַארְבֶּען דֶערְפוּן פִיעל מֶענְשֶׁען, וָואס וַוייטֶער וֶוערְט אַללֶעם בֶּעסֶער אוּנ בֶּעסֶער: עֶס אִיז שׁוֹין דָא מִיטְלֶען דִיא צוּא טֵייטֶען דִיא קְלֵיינֶע עֶפִּידֶע־מִישֶׁע בַּאקְטֶירֶען. וָואס דֶער מֶענְשׁ זֶעהט זַייא נִיט אוּנ זַייא זַיינֶען פִיל אִין מֶענשֶׁען.

עֶס אִיז נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ דָא בַּיי דִי נַארָאדֶען אַזַא סֶעקְטֶע, וָואס דִי גֵייסְטְלִיכֶע שְׁפִּילְט נָאר בַּייא זַייא אַגְרוֹיסֶע רָאלֶע, אַז כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע מֶמְשָׁלָה אִיז בַּייא זַייא אִין דִיא הֶענְד אוּנ דֶער נַארָאד

טהוט

טְהוּט נִיט אָן זַייא דָאס מִינְסְטֶע זַאךְ אוּנ פַאר יֶעדֶער עֵצָה פַאר יֶעדֶער בַּקָשָׁה גֶעבִּין זַייא דִי גֵייסְטְלִיכֶע גֶעלְד, אוּנ דִי גֵייסְטְלִיכֶע גִיבֶּען אִיבֶּער זַייעֶר מֶמְשָׁלָה אויף קִינְדְס קִינְדֶער. דִיא קִינְדֶער דִי אֵיינִיקְלַאךְ דַארְפֶען קֵיין זַאךְ נִיט קֶענֶען, נִיט קֵיין תּוֹרָה, נִיט קֵיין חָכְמָה, עֶר אִיז אַ אֵיינִיקֶעל דֶעם גֵייסְטְלִיכִינְס. וֶוערְט עֶר אויךְ אַ גֵייסְטְלִיכֶער. לְמָשָׁל בַּייא דִיא גֶעבִּילְדֶעטֶע פֶעלְקֶער אִיז דָא דוּחָאוֶונֶע שְׁקָאלֶעס סִימִינַארְיֶעס אוּנ בַּייא אוּנְז יוּדֶען אִיז דָא יְשִׁיבוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט אַלֶע רֶעלִיגְיֶעזִישֶׁע חָכְמוֹת דִינִים אוּנ אַלֶע גֵייסְטְלִיכֶע מוּזֶען זַיין גֶעבִּילְדֶעט אִין דִיא רֶעלִיגְיֶעזִישֶׁע חָכְמוֹת אוּנ אויךְ אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת, אוּנ וֶוער עֶס אִיז מֶעהר גֶעבִּילְדִיטֶער, וֶוער עֶס הָאט אַ בֶּעסֶערֶען קָאפּ אַ פֵיינֶערֶען חַארַאקְטֶער אוּנ הָאט פֵיינֶערֶע מִדוֹת וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּנ גְרֶעסֶער, אָבֶּער בַּיי דִיא, וָואס מִיר הָאבֶּען אויבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען, אַדְרַבָּה זַייא זָאגִין אַז אַ מֶענְשׁ טָאר גָאר נִיט קֶענֶען, טָאר נִיט וִויסֶען קֵיין חָכְמוֹת, נוּר אַז עֶר אִיז דֶעם גֵייסְטְלִיכִינְס אַ אֵיינִיקִיל, אַז דֶער זֵיידֶע אָדֶער דֶער טַאטֶע שְׁטַארְבְּט יַרְשֶׁהנְ׳ט עֶר דִיא טוֹיזִינְדֶער בְּהֵמוֹת אויף צוּ מֶעלְקִין זַייא אוּנ עֶר אִיז שׁוֹין אויךְ אַ גֵייסְטְלִיכֶער.

זָאלְלִין מִיר זֶעהֶען לִיבֶּע לֶעזֶער וָואס שְׁטֶעהט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דֶער תּוֹרָה „אָבוֹת לֹא יוּמְתוּ עַל בָּנִים, וּבָנִים לֹא יוּמְתוּ עַל אָבוֹת”, קֵיינֶע עֶלְטֶערְן וֶוערֶען נִיט בֶּעשְׁטְרָאפְט פַאר דִי קִינְדֶערְס זִינְד, אוּנ דִיא קִינְדֶער וֶוערִין נִיט בֶּעשְׁטְרָאפְט פַאר דִיא עֶלְטֶערֶענְס זִינְד. דִיא נְבִיאִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אִישׁ כִּי יִהְיֶה צַדִיק חָיֹה יִחְיֶה וְהוֹלִיד בֵּן פָּרִיץ שׁוֹפֵךְ דָם מוֹת יָמוּת, דָאס הֵייסְט: וֶוען דֶער מֶענְשׁ אִיז אַ צַדִיק וֶועט עֶר לֶעבֶּען אוּנ עֶר וֶועט הָאבֶּען אַזוֹהן אַ רָשָׁע וֶועט עֶר דֶער זוֹהְן שְׁטַארְבִּין, דָאס הֵייסְט אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין זְכוּת קֵיינֶער לֶעבְּט נִיט מִיט דֶעם זְכוּת פוּן דִיא עֶלְטֶערְן, אוּנ נִיט דִיא עֶלְטֶערְן מִיט דִיא קִינְדֶערְס

זכות

זְכוּת, נָאר יֶעדֶערֶער מוּז זִיךְ אַללֵיין פֶערְדִינֶען, עֶר זָאל וֶוערְט זַיין בַּייא גָאטט, אַז גָאטט זָאלל צוּא הֶערִין זַיינֶע בַּקָשׁוֹת. „וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד", זָאגְט דִיא גְמָרָא, קֵיין עַם הָאָרֶץ קֶען קֵיין פְרוּמֶער נִיט זַיין, אַז מֶען הָארֶעוֶועט נִיט אוֹיף תּוֹרָה אוֹיף חָכְמָה, וִויא קֶען מֶען זַיין אַ גֵייסְטְלִיכֶער! מֶען דַארְף פְרִיהֶער צֶעהֶנְדְלִיגֶע יָאהרֶען גוּט הָארֶעוֶוען אוֹיף תּוֹרָה אוּנ אוֹיף חָכְמָה אוּנ זִיךְ אוֹים בֶּעסֶסֶערִין פוּן אַללֶע שְׁלֶעכְטֶע זִיטֶען דֶערְנָאךְ קֶען עֶר עֶרְשְׁט אָנְהוֹיבֶּען צוּא דִינֶען צוּא וֶוערן אַ גֵייסְטְלִיכֶער.

יֶעדֶער נָאךְ זַיין פֶערְשְׁטַאנְד, יֶעדֶער נָאךְ זַיין קָאפּ, יֶעדֶער נָאךְ זַיין מַאטֶערְנִישׁ אִין תּוֹרָה אִין חָכְמוֹת, יֶעדֶער נָאךְ זַיין חַאראַקְטֶער נָאךְ, וֶוערְט עֶר אַ גַייסְטְלִיכֶער, דֶער וֶוערְט אַ קְלֶענֶערֶער, דֶער וֶוערְט גְרֶעסֶער, אָבֶער נִיט זָאגֶען, וַוייל זַיין טַאטֶע אָדֶער זַיין זֵיידֶע אִיז גֶעוֶועזֶען אַ גַייסְטְלִיכֶער, וֶוערְט עֶר אוֹיךְ אַ גַייסְטְלִיכֶער, אוּנ וִויא עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַ גַייסְטְלִיכֶער הֶערְט מֶען שׁוֹין פוּן אִיהם, דָאס עֶר טְהוּט גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶערְבַּארֶע מוֹפְתִים, אוּנ קֵיינֶער פְרֶעגְט גָאר נִיט פוּן וַואנֶענְט וַויים עֶר דָאס; עֶר הֵיילְט אַללֶע פֶערְשִׁידֶענֶע קְרֶענְק אוּנ אִיז אַפּוֹקֵד עֲקָרוֹת, אוּנ נָאךְ אַזָאלְכֶע וואוּנְדֶער, אוּנ קֵיינֶער פְרֶעגְט גָאר נִיט בַּייא אִיהם, פוּן וַואנֶענְט וַוייסְט דוּא דָאס אַללֶעס, פוּן וַואנֶען קֶענְסְטוּ דָאס טְאהְן אַזֶאלְכֶע גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער?

דִיא גְמָרָא זָאגְט, אַז עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער גְרֶעסְטֶער תַּנָא ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, הָאט אַ בַּת קוֹל אוֹים גֶערוּפֶען אַללֶע טָאג פוּן בַּארְג חוֹרֵב „כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ נִיזוֹן בִּשְׁבִיל חֲנִינָא בְּנִי", דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט גֶעשְׁפֵּייזְט אִין דֶעם זְכוּת פוּן חֲנִינָא מַיין זוּהְן. דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק הָאט פוּן דֶער וֶועלְט קֵיין הֲנָאָה נִיט גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אַקְוָוארְט טֵייטְלֶען פוּן אֵיין שַׁבָּת בִּיז דֶעם צְוַוייטֶען שַׁבָּת, קֵיין בְּרוֹיט הָאט עֶר נִיט גֶעגֶעסֶען,

אבוואהל

אבוואהל מען איז צוא איהם געפאהרען פון דער גאנצער וועלט בעטען ער זאלל העלפען מיט זיינע תפלות איז ארוים אקול אז ר׳ חנינא בן דוסא העלפט מיט זיינע בקשות, האבען זיינע תלמידים זיך ־ניט געשעמט אונ האבען איהם געפרעגט: „רבי מנין אתה יודע?" רבי פון וואנען ווייסטו דאס צוא טרעפין. אין אמת איז דאך דאס אגרויסע חוצפא א העזה. אז אזא גרויסער תנא, אזא גרויסער צדיק אונ האט פון דער וועלט קיין הנאה ניט, פרעגט מען איהם פון וואנען ווייסטו דאס אז דער וועט געזונד ווערען, נאר יעצט פארשטייט מען אז די חכמים, די געבילדעטע מענשען לאזען זיך ניט אזויא לייכט אפנארען. זיינע תלמידים זיינען אויך געוועזען תנאים, גרויסע גאונים. גרויסע קעפ. גרויסע חכמים. האבען זייא איהם געפרעגט פון וואנען ווייס ער דאס אזעלכע זאכען וואס אנדערע מענשען קענען דאס ניט וויסען. עס איז דא אגמרא מיום שחרב בית המקדש בטלה הנבואה מישראל, ובטלה רוח הקודש מישראל, ר״ה: צייט דער בית המקדש איז חרוב געווארען איז בטל געוואהרען בייא יודען דיא נבואה אונ דער רוח הקודש, פון וואנען׳שזע זאלל ער וויסען, האט זייא ר׳ חנינא בן דוסא גיענטפערט איך ווייס ניט, איך בין ניט קיין נביא. אונ בייא דיא נארדין פרעגען זייא גאר קיין מאל דעם גייסטליכין ניט: מנין אתה יודע, פון וואנען ווייסט דוא דאס? זייא גלויבען, אז דער גייסטליכער ווייס אלץ אונ טהוט אלץ אזויא וויא גאט אליין, עס געפינט זיך גאר ניט בייא זייא קיין איין מענש אונ בייא די ווייבער אוודאי ניט. וואס זאל פרעגען א גייסטליכען פון וואנען ווייסטו דאס? די גייסטליכע פון יענעם נארר פאהרען אין דיא קארעטין, זייא מויערין פאלאצין אין דיא גרויסע שטאדט פאר דיא ארימע ביסעלע בלוט. זייא שערין אפ אללע יאהר דיא וואהל פון זייערע

בלינדע

כלינדע שעפסעלאך אונ לאזען איבער דיא מלוכה אויף קינדס קינדער .

אלזא. ליבע ברידער, אבער איהר יודען איהר זענט דאך א עם חכם ונבון דארפט איהר צוא וויססען אז אויף דער וועלט קען מען זיך גאר ניט פערלאזען, נאר אויף די איינינגע חכמים גוטע הערציגע, וואס געפינען זיך אויף דער וועלט , אט דיא דארפט איהר פאלגען אונ זיך לאזען לערנען פון דיא גוטע לעהרערם , וואס מען וויים אז זייא טהוען נאר פאר טובות הכלל, וואס זייא וויללען זיך מקריב זיין פאר'ן פאלקס וועגין , אונ פערלאנגען ניט קיין פערדינסט פון פאלק פאר זייער לעהרע, אבער ניט איהר זאללט קוקען אויף דער וועלט, וויא די וועלט האט זיך געפיהרט אזויא זאלל זיך ווייטער פיהרען. ווארום דיא וועלט איז בעשאפען געווארען זייער נאריש אזוי וויא א קינד. פריער איז אחכמה אז דאס קינד לאכט, דערנאך דאס קינד רעד אונ ווי דאס רעד איז דאס אלץ אחכמה, דערנאך איז שוין דער לאכין קיין חכמה ניט דער ריידין איז שוין נארישקייט, זא ווייטער. אזויא איז דיא וועלט , זיא ווערט אללע מאל קליגער אונ קליגער , קומט אויס אז יענע חכמות, וואס זייא זיינען דערנאנגען וויא צוא מאכען אליימענעם טעפיל א שטיינערנע האק אדער א שזארנע מיט א שטעקין וויא צו מאלין קארן . איז דאס שוין היינט קיין חכמה ניט . היינט מאלין פאראווע מיהלען מיט עלעקטריטשנע מאשינען. דיא וועלט ענטוויקילט זיך , אללע מאהל ווייטער אונ ווייטער , אונ דיא איינצעלנע חכמים ווייזען אלץ אויף אללע מאהל דיא וועלט וויא זייא זיינען נאריש, אונ פיהרען זייא אפ פון זייער נארישקייט. עס קומט זייא דאס אפילו אן מיט גרינע ווערים . איידער זייא פיהרען אפ דיא וועלט פון איהרע נארישקייט, וואס איז לאנג איינגעווארצעלט . אבער דערנאך קוקט זיך אום דיא

וועלט

## עוד זו רעה חולה: מי הוא הגדול והמכובד בעיני

וועלט אונ לאכען אויף זייער אלטע נארישקייט, אונ פארשטייען גאר ניט, וויא אזויא האבען דאס דיא מענטשען גיקענט זיין אזוי דום אזויא נאריש.

אלזא, ליבע ברידער, מוזען מיר זיך יעצט לאזען לערנען אונ פאלגען אונזערע חכמים, אונזערע סופרים, אונזערע אמת'ע בעלי טובות ניט פארלאזען זיך נאר אויף נסים אליין, אדער אויף דיא מענשען, וואס זאגען אונז צו נסים צו ליב זייער אייגענעם צוועק. מיר דארפען זוכען מיטלען וויא זיך צוא העלפען אונ בעטען גאטט אז ער זאל אונז העלפען אוים צופיהרען אונזער וואונש, אונ מיר בעדארפען זיך אומקוקען פאר וואס קומט אונז אזוי פיל צרות צוא ליידען, שוין א פאר טויזענד יאהר, קען דאס זיין, אז מיר זיינען זינדיגער פאר אללע נאראדין? דארפען מיר יודין אויך זוכען מיטלען, וויא אזויא זיך אוים צוא בעססערין פון דיא אלטע לאנגע צרות, ניט פארלירען דעם האפענונג פיללייכט קענען מיר זיך אוים בעסערין, ניט פיללייכט, נאר מיר קענען זיך געוויס אויסבעסערין אונזערע ביטערע לאגע, מיט דעם, וואס מיר וועלין אויסבעסערין אונזערע מעשים, אויסבעסערין אונזערע מנהגים, אונזערע הנהגות, אונזערע ארדענונגען, אפשר דארפען מיר טאקי זיין בעסער פון אללע פאלקער? אזויא פערלאנגט מען פון אונז, וואס העלפט דאס. מוזען מיר זיך ארום קוקען, דאס איז דאך פאר אונז א טובה, מיט דעם זיינען מיר אתה בחרתנו, אז מיר מוזען זיין בעסער פאר אללע פאלקער, אונ מיר מוזען ווייזען אללע נאראדין אז מיר זיינען א עם חכם ונבון.

ליבע ברידער, אט דאס איז א שלעכטע קרענק ביי אונז,

עמנו? האיש המאריך בתפלתו, משכים ומעריב לבית הכנסת או לבית המדרש, עונה „אמן" „ברוך הוא וברוך שמו" בכל כחו והוא מנענע את גופו כדין נענועי הלולב,. ואז אף אם הוא בור ועם הארץ, קל שבקלים, גנב, רמאי, רוצח וכו', יחלק לו העם כבוד והוא מתגאה, מי ידמה לו ומי ישוה לו? וגם לבניו ולבני־בניו אחריו ינחיל את כבודו, והחכם הצדיק, הישר באדם, מנהל חברות, ועוסק בצדקה באמונה, עושה חסד בכל עת ומשכיל אל דל אם לא ירבה לבקר את בית התפלה, אם יקצר בתפלתו, לא ינענע את גופו לארבע רוחות

---

אז ווער איז ביי אונז אגרויסער א בכבוד'ער מענש א גיערליכטער א יחסן ביא אונז, נאר דער וואס היט גיין אין ש־הל דאוועגען מנחה און מעריב און שאקילט זיך וויא א לולב ביים דאוועגען און שטעהט לאנג שמונה עשרה און ענטפערט הויך ברוך הוא ברוך שמו, דאמאלס שטאלצירט ער שוין אין שוהל, און ער איז ביא יודען דער גרעסטער יחסן ער מעג אפילו זיין א בור א עם הארץ א נידערטרעכטיגער מענש א גנב א אשוקאנעץ א מערדער און זא ווייטער, פון דעסט וועגין גיבט איהם אפ דעם נאראד כבוד און ער גיבט איבער דעם יחוס צוא זיינע קינדער: זייא האבען געהאט א טאטען א טייערען יוד, און דער חכם דער צדיק. דער ארינטליכער מענש, וואס ליגט נאר שטענדיג אין טובות הכלל, אמענשען פריינד. ווען דער געהט נית חלילה אין שוהל דאוונען, דער איז א טרייפנאק א אפיקורס, ער האט א פנים ביא די יודען גענען דעם ערשטען כקוף בפני אדם, ווי אמלפע געגין אמענשין. אט דער תלמיד חכם איז גרינג ביא זייא אין די אויגען. וואס פאר א ווערדע האט ער ביי אונזערע יודעלעך?

ויענה „אמן" בלחש — נקלה הוא בעיני העם.

יש בקרבנו עוד מפלגה גדולה, אשר לא נחשב אצלה לא תפלה ולא תורה ולא חכמה, אך העיקר הוא אצלה לבלי נגוע בעץ הדעת, ומסורת היא בידה; כי כל הנוגע בו מות יומת... אך לא פה הוא המקום להאריך בדבר המפלגה הזאת.

ולא רק החכמים יקלו בעיני ההמון, אם לא יעשו כחפצו וכדעתו, אך גם גאון הגאונים וירא אלהים באמת, אם יחפוץ להורות את הקל שבקלים והפחות שבפחותים לעשות דבר, לא כאשר הסכין עד כה, ולא כאשר הורתהו אמו סרת הטעם ע"פ הקבלה מהרב הצבוע הקנאי בעיר מגורתה הקטנה, אז יהיה לבוז ולחרפה, לאלה ולקללה.

מה מאד נשתנינו מכל אומה ולשון! כל בני העמים יכבדו את כל אדם לפי תומתו ישרו וחכמתו,

---

קיין װערדע ניט.

ליעבע לעזער, מיינט ניט אז נאר דיא חכמים זיינען גרינג ביא דעם המון, אויב זיי טוען ניט, וויא דער המון איז גיוואנען, נאר אפילו דער גאון הגאונים דער אמת'ער ערליכער יוד דער ירא שמים, ער זאלל וועלען לערנען דעם ערגסטען מענשען דעם גרעסטען בור עם הארץ ניט וויא זיין נארישע פראסטע מוטטער האט איהם געלערנט, וואס זיא האט א קבלה פון איהר קליין שטעטילדיגען רב, דער צביאק, ווערט דער גרעסטער גאון צוא שאנדע און מען פארפלוכט איהם.

פאר וואס זאלען מיר זיין אנדערש וויא אללע נאראדין? ביא זייא גיבט מען עהרע יעדען מענשען נאך זיין ארינטליכקייט

ולא לפי תפלתו, ואף אם יתפלל איש כל היום וכל הלילה לא יגדל כבודו במאומה, ואנחנו נבוז לכל אדם ונוקיר רק את המאריך בתפלתו... הדבר הזה הוא הנסבה להתרבות הצבועים והבורים בקרבנו, כי למה לו לאיש יהודי להגות בתורה או בחכמה? אם חפץ להיות מכובד על הבריות הלא די לו רק להעמיד את פניו כחסיד וירא שמים, ואז יוכל להיות בטוח, כי יהיה לברכה בקרבנו ובו תתברכנה כל הנשים, כי יולידו בנים כמוהו, וגם בן חורין הוא, תחת מסוה היראה לעשות כל עול ומרמה ולעשות עושר בלא משפט...

---

נָאךְ זַיין כַאראַקְטֶער נָאךְ, נָאךְ זַיין חָכְמָה נָאךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים, וָואס עֶר טְהוּט מִיט מֶענְטְשֶׁען גוּטֶעס, אוּנ וֶוען אֵיינֶער וֶועט זָאגֶען בַּייא זַייא תְּהִלִּים דֶעם גַאנְצֶען טָאג מִיט דֶער נַאכְט, הָאט עֶר דֶערְפַאר קֵיין וֶוערְדֶע. דִיא וֶוערְדֶע הָאט נָאר דֶער, וֶוער עֶס אִיז אַ אָרִינְטְלִיכֶער מֶענְשׁ. אַז מֶען ווִילל אֵיינֶעם לוֹיבֶּען בַּייא זַייא זָאגְט מֶען נִיט אַז עֶר גֶעהט אַללֶע פְרִיהמָארְגֶען אִין קִירְכֶע אַריין אוּנ דַאוִוינְט אַגַאנְצִין טָאג. נַיין דָאס אִיז אַלֶץ בַּייא זַייא גָאר נִיט, אַזוֹי אִיז אִין גַאנְץ יֶעוְורָאפִּיֶע. אַז מֶען ווִיל אֵיינֶעם לוֹיבֶּען זָאגט מֶען עֶר אִיז אַ אָרִינְטְלִיכֶער מֶענְשׁ, אָבֶּער בַּייא אוּנְז אִיז נָאר דֶער אִיז דֶער יַחְסָן וֶוער עֶס הִיט דֶעם דַאוֶוענֶען אִין שׁוּהְל מִיט אַללֶע הַדוּרִים. דַארִיבֶּער אִיז בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים בַּייא אוּנְז זֶעהר פִיעל צְבוּעַיאקֶעס פֶערְמַאסְקִירְטֶע אוּנ פְּרָאסְטֶע מֶענְשֶׁען. ווארוּם, וָואס דַארְף אַ יוּד זִיךְ מַאטֶערִין אוּנ לֶערְנֶען תּוֹרָה אָדֶער חָכְמָה, אַז דָאס גִיט אִיהם נִיט צוּ קֵיין יִחוּס. עֶס אִיז דָאךְ גְלַייכֶער נִיט צוּא לֶערְנֶען קֵיין תּוֹרָה אוּנ קֵיין חָכְמָה, וָוארוּם דָאס קוּמְט אִיהם אָן שְׁוֶוער, אִיז דָאךְ פִיעל גְלַייכֶער, דָאס אִיז דָאךְ גָאר

אווּאוּהלע

איככה זה תאמרו, אחי בני ציון היקרים, להשיב לתחיה עם אשר כזה? ואיככה יהיה ישראל לעם מאושר,

אוואוהלֶע זַאךְ. אונ זַייער גְרינג צוּא פִיהרֶען אִין שוּהְל דִיא צבוּיאַטְסטְווָא, דַאס אִיז דָאךְ גָאר אַוואהוֹלֶער בִּיסִין אונ עֶס קוּמְט אִיהם אָהן גַאנְץ גְרִינְג. דָאס קֶען דָאךְ טָאהן יֶעדֶער גַנָב, יֶעדֶער בוּר, יֶעדֶער שִׁכּוֹר, יֶעדֶער עַם הָאָרֶץ, עֶר קוּמְט זִיךְ אִין שוּהְל הִיט דֶעם דַאווֶענֶען, אונ מַאכְט נָאךְ דֶערְבַּיי דִיא גְנֵייבִישֶׁע קוּנְץ שְׁטִיק אונ הִיט אָפּ אַלֶע דְרַאבִּיזֶקֶעס ד"ה׳ אַלֶע קְלֵיינִיגְקֵייטֶען, דִיא אַלֶע מִנְהָגִים׳לֶעךְ, וָואס גִיהֶער צוּא דֶעם, אִיז עֶר דֶערְפַאר אַפֵיינֶער יוּד. אונ אַללֶע גִיבִּין אִיהם אָפּ כָּבוֹד, אונ וָואס פַאר אַגְרוֹיסְקֵייט אונ וָואס פַאר אַ שְׁטָאלְצִירֶען עֶר שְׁטָאלְצִירְט דָאס בַּיי זִיךְ, אונ עֶר הָאט דִיא גְרוֹיסֶע הָעָזָה צוּא קְרִיטִיקִירֶען דֶעם תַּלְמִיד חָכָם, דֶעם אָרִינְטְלִיכֶען מֶענְשֶׁען פַאר וָואס יֶענֶער דַאוִוינְט נִיט, עֶר, דֶער גַנָב, דֶער חַם אִיז אִין שוּהְל אַגַאנְצֶער בַּעַל הַבַּיִת, עֶר אִיז דֶער גַאנְצֶער בַּעַל דֵעָה אוֹיף דִיא גֶעבִילְדֶעטֶע אוֹיף דִיא חֲכָמִים אוֹיף דִיא סוֹפְרִים וְויא קוּמֶען זַייא דִיא פַארְכֶעם צוּא אִיהם דֶער שֵׁיינֶער מֶענְשׁ? אונ עֶר מֶעג שׁוֹין טָאהן אִין דֶער הֵיים אונ אִין גָאס אַללֶע מֶערְדֶערַייֶען אַלֶע גְנֵבוֹת, אַללֶע פָאדְלָאסְטִין, פַארְדֶעקְט אַלֶץ אוֹיף אִיהם דִיא שוּהְל מַאסְקֶע, אונ וֶוער שְׁמוּעֶסְט אַז עֶר וֶוערְט נָאךְ אַ שׁוֹמֵר שַׁבָּת׳נִיק: גֶעהֶען פְרַייטָאג פַארְנַאכְט אונ שְׁלָאגֶען דִיא ווַייבֶּער, אוֹים שִׁיטֶען זַייעֶרֶע חַלוֹת זַייעֶרֶע פְרוּכְטֶען אִין בְּלָאטֶע, דַאמָאלְס אִיז עֶר שׁוֹין אַ צַדִיק תָּמִים, אָט דִיא זַיינֶען בַּייא אוּנְז שֵׁיינֶע מֶענְטְשִׁין!

מַיינֶע טַייעֶרֶע צִיוֹנִיסְטִין וְויא קֶענְט אִיהר זָאגֶען אָפּ צוּא לֶעבִּין דֶעם נַארָאד, ווִי קֶענֶען יוּדֶען זַיין אַפָּאלְק, אַזֶעלְבְּס־שְׁטֶאנְדִיגֶער, וֶוען דִיא בּוּרִים דִיא עַמֵי הָאֲרָצִים, שְׁפַּיֶיען דִיא

חכמים

אשר הדיוטים ירוק יירקו בפני חכמיו וגדוליו, אם ידברו דברים המתנגדים למסורת אמם הבערה, אשר נעריו ובעריו לא ישאו פנים לזקנים וגם לחכמים, יחרפום, וגם יכום לחי?...

אם חפצים אנחנו באושר עמנו, עלינו להורות את ילדינו, כי יכבדו את הזקנים, החכמים והמלומדים. אם ישמע הנער דבר מפי איש מלומד, אשר הוא מתנגד ולדברים ששמע מאת הוריו, לא יקל ערך האיש בעיניו, לא יבזה אותו חלילה בלבו, רק ישאל את הוריו ומלמדיו,

---

חכמים אין דער צורה אריין ווען זיי וועלין עפעס ריידען ניט: וויא זייער נארישע מוטטער האט זייא געלערנט, נאר די צבויאטסטווא שפילט בייא יודען אראליע, נאר דיא מאסקע, נאר דיא פארמאסקירטע זיינען דיא לייט, און דיא יונגע און דיא עמי הארצים האבין ניט קיין דרך ארץ פאר די אלטע און פאר דיא חכמים.

דאריבער, ליבע ברידער, ווען מיר פערלאנגען דעם גליק פון אונזער פאלק, דארפען מיר לערנין אז דיא יונגע זאללען האלטין ערליך דיא עלטערע, און דיא פראסטע מענטשען זאלין שעצין דיא חכמים, דיא געלערנטע מענטשען, אזוי צוא לערנען דיא קינדער פון קינדהייט אן, אז ווען ער הערט פון אגילערנטין מענשין אזאך, וואס דאס איז דערגעגינט לויט זיין מיינונג, וואס זיינע עלטערן, אדער זיינע לעהרער האבען איהם גילעהרנט, זאלל ער ניט שענדין דעם מענשין, און זאלל אויף איהם בייז ניט ווערין, און זאלל איהם שעצין וויא פריהער, נאר ער זאל פרעגין זיינע עלטערן און זיינע לעהרער, זייא זאלין איהם געבין צוא ערקלערין דיא זאך אויף ריכטיגער, און ווען זיי וועלין איהם זאגין, אז דער מענטש האט ניט גירעט נאך זייער מיינונג נאך,

דארף

אם כנים דברי האיש ההוא, או לא, ואם גם יאמרו לו כי דבריו לא ישרו בעיניהם גם אז ידע, כי כבודו במקומו מונח, כי דעות בני אדם שונות הן כחזות פניהם. כל אחד יכול לבטל את רצונו מפני רצון חברו, אבל לא את דעתו. אם האדם איננו שליט ברוחו לבטל את דעתו ומחשבתו, איך יוכל לבטל את חברו ודעתו? אם יוכל אדם להוכיח לחבירו, כי דעתו טובה, אם חננו

---

דארף ער אויך וויסען אז יענער מענש בלייבט בייא זיין עהרע ווי פריער, ווארום דיא דעות, דיא מיינונגען פון אללע מענשען שטימען ניט גלייך. אזויא וויא דיא געזיכטער דיא פנימער פון דיא מענשען זייגען ניט גלייך איינס צום אנדערן. אזוי דיא געדאנקען דיא מיינונגען זיינען פערשיעדען בייא יעדער מענשין. איין מענש קען נאר צוליעב טהון דעם אנדערין צו טאהן דאס וואס זיין חבר וויל, אבער ניט צו דענקען, וואס יענער ווילי. ווען דער מענש האט ניט קיין דעה צו זאגען אויף זיין אייגענעם קאפ, ער זאל אזויא דענקען וויא ער וויל, וויא ער אליין פער־לאנגט, וויא זיין אייגענע הארץ גילוסט. וויא אזוי'זשע קען איך פערלאנגען פון יענעמס קאפ אז יענער זאל דענקען ווי איך וויל? ניט דער מענש הערשט רעגירט אויף זיין קאפ, נאר זיין קאפ רעגירט הערשט אויף זיין גאנצען קערפער, קיין מענטש איז ניט אים שטאנדע צוא גיוועלטיגען אויף זיין אייגענעם קאפ, ער זאלל אנדערש פערשטעהן, א מענטש קען ניט הייסען זיין קאפ ער זאל אזוי דענקען אדער אזוי, א מענטש האט אויף זיין קאפ קיין דעה ניט, נאר וויא דער מענש ווערט געבאהרען מיט וואס פאר אקאפ. עס איז דא פערשידענע קעפ פערשידענע מוחות, מארך, פערשידענע שכלען, אמענטש קען נאר הערשין אויף זיין הארץ,

למשל

אלהים לשון למודים להורות בינה לרעהו — מה טוב ומה נעים. ואם קצר כשרונו מעשות זאת, עליו לשום מחסום לפיו. כבד יכבד את כל אדם ובפרט את החכם ממנו. ידע האדם תמיד את ערכו לעמת רעהו, וזה הוא

---

למשל ער זאלל דאס ניט גלויבען, דאס יע גלויבען. דיא קאפ איז דער רעגירער אויף דעם קערפער, אבער ניט פארקערט, היינט אז א מענטש קען ניט איבער מאכען זיין אייגענע קאפ, וויא אזויא וויל ער מיט געוואלד איבער מאכען יענעמס קאפ, יענעמס שכל, יענעמס געדאנקען, יענעמס קען זיין קרימער אדער גלייכער, שארפער אדער טעמפער, קלינגער אדער נארישער, אלזא דאס קען אמענטש זיך אליין ניט נעהמען אזוי וויא מען נעהמט א זאך מיט דיא הענד און טראגט איבער פון איין ארט אויף דעם אנדערין ארט. א אידעע, א שכל, א מיינונג, א גידאנקי א פארשטאנד, דאס איז קיין מענש ניט אים שטאנדע בייא זיך איבער צו טראגען פון איין זייט אויף דער פערקערטער זייט.

אלזא וויא אזויא האט דער מענטש אהעזה. א סמיאלאסט צוא וועלען יענער זאל דענקען ווי איך, אדער יענער זאל האבען מיין שכל, דער שכל שטעהט העכער פאר דעם חוש, ד"ה: אמענטש זעהט מיט דיא אויגען קען ער זיך אפנארין און הערט פאלש און שמעקט פאלש. אמענטש קען זיך מיט זיינע חושים נארען, אבער דער שכל לערנט און ווייזט אמאל אז ער האט פאלש געזעהן און פאלש גיהערט, למשל איינער איז איבערצייגט אז דער טאטער העלפט קראנקע ער האט אליין געזעהען, און דער צווייטער וויל ניט גלויבען און זאגט אז דער שכל שטעהט העכער פארן זעהען און הערין. דער שכל זאגט, אז די חכמה,

וואס מען לערנט ניט אונ מען מאטערט זיך ניט אויף איהר קען מען ניט וויסען. מענטשין וואס לערנען אפ אין די אוניווערסיטעטען אונ נאך אזעלכע געלערנטע שוהל צעהנדליגע יאהרען מען לייענט הונדערטער ביבער, וואס טויזענדער חכמים האבען גילערנט אונ פראקטיקירט אויף דעם טויזענדער יאהרען, קענען דיא מענשען דיא קרענק ניט אוים היילען? קומט א טאטער א צוגאנערקע א שניידער א חם אונ דעסט גלייבען, וואס פראסטע נארישע מענטשען גלויבין אז זייא קענען אוים היילין צום ביישפיל דיא קרענק, קומט דער שכל אונ זאגט אז דעם מענטשינם זעהען איז ניט קיין זעהען. זייא נארין זיך אללע אפ איינער וואלט גיוואלט גלויבען דעם טאטער, קומט אבער דער שכל אונ שטעלט זיך איהם פאפיראק אונ לאכט זיך אוים פון איהם. שלמה המלך האט געזאגט „פתי יאמין לכל דבר” ד"ה א נאר גלויבט אלץ, דעם אונגיבילדעטין דעם פראסטען מענטשען, וואס לעזט ניט קיין היסטאריע, וואס זי בעשרייבט אלע פערשידענע אבערגלויבעריי, וואס איז געוועזין אויף דער וועלט ביז היינטיגען טאג. דיא היסטאריע איז דער בעסטער לעהרער, דיא היסטאריע איז דיא גרעסטע בילדונג, זיא עפענט דעם מענשען דיא אויגען אונ שטעלט איהם פאר אקארטיגע פון מיללייאנען מענטשען וואס האבין געפיהרט דיא נאראדין אין פערבלענדענעם טויזענדער פערשידענע אמונות, נארישע גלויבענס. נארישע גאטטער, וואס זייערע גייסטליכע האבען דעם נאראד גינארט אונ פארבלענט די אויגין, זייא זאללען זעהען אז אויף דעם הימעל איז א יריד.

וואס האבען זיי די נאראדין ניט איין גירעדט? . זיי, דיא גייסטליכע האבען גיטאהן אין דער פינסטער אללע פאלשקייט. פערשידענע חיטראסטין, פערשידענע בעטריגעריי אונ דער נאך האבען זייא געוויזען דיא נאראדין זייא זאלין זעהען דעם

וואונדער

וואונדער, אונ געביך דיא נארישע בלינדע נאראדין האבען הונדערטער יאהרען געגלויבט אז עס איז דא א גאטטליכקייט למשל אין שלאנגען אונ עקדישען, אונ נאך פערשידענע נארישקייטין. די פאלשע קלוגע שלעכטע מענטשין האבין גימאכט מיט דיא נאראדין אזויא וויא מיט א מיאטשיק, וואס זיי האבען געוואלט, האבען זייא אלעס געמאכט מיט דיא נאראדין, דארום אז זייא זאללען קענען לעבען אגוטען טאג מיט דעם נאראדס בלינדקייט. הונדערטער יאהרען האבען די גייסטליכע געהאלטין דיא בילדונג בייא זיך אין האנד פעסט, זייא האבען פארן נאראד גאר ניט ארויס געוויזען, זייא האבען איבער געגעבין די נאראדין שלעכטע פאלשע מנהגים, פאלשע איינרעדענישען, וואס עקסעס־טירט נאך היינט אויך אפילו ביי דיא געבילדעטע נאראדין רעשטלאך פון דיא פארצייטיגע נארישע ווילדע איינרעדענישען. פערפירונגען, מנהגים׳לאך. אט דיא מענטשין וואס האבען ניט גילערהנט דיא היסטאריע אונ ניט קיין בילדונג, זייא איז גרינג אללעס איין צוא רעדען, ווארום זייא ווייסען אליין ניט אויף וואס פאר א וועלט זייא גייען אום, זייא מיינען אז דיא וועלט האט אזויא אויס געזעהען ווען זיא איז בעשאפען געווארין, וויא זיא זעהט יעצט אויס, זייא קען מען אללעס איינרעדען; ביי זיי איז רעכט אללעס צוא גלויבען אהן א גרעניץ, זייא ווייסען ניט אז דיא אמונה, דער גלויבין האט אויך אגבול א גרעניץ עד פה תבא ולא תוסיף, ד״ה: ביז אהער זאלסטו קומען אונ ווייטער ניט.

אויך איז דא געבילדעטע מענטשין גרויסע חכמים, נאר זיי האבען שוואכע כאראקטערן, זייא זיינען פאר צווייפילטע מענשען, עס פעהלט איהם אין קאפ דיא קלעפקע, ער זאל קענען אליין אורטהיילען אדער ריכטין אזאך קען ער ניט, ער מעג זיין וויא געבילדעט אונ ווייסט מיט׳ן שכל אז עס קען אזויא ניט זיין,

נאר

נאר עס מוז זיין אזויא, האט ער ניט ביא זיך דיא געזעצטקייט דיא שטארקייט ער זאל בעפעסטיגען אט אזויא מוז דאס זיין, ניין, עס פעהלט איהם, ער האט עפיס מורא, ער זעהט טאקי איין אז עס מוז זיין אזוי, נור עס געפינען זיך מענטשין וואס זאגען אנדערש, פיללייכט איז טאקי ווי יענע זאגין, אונ קען זיך ניט רעשען צו צידירן אונ וויל ניט ריזיקירן אונ טהוט, וויא אללע דעות, ער טהוט אזויא אונ אזוי אויך, טאמער איז אזוי.

עס איז אבער פראנען מענטשין אזעלכע פעסטע, אזעלכע אייזערנע שכלען. אז ער זעהט אונ פארשטייט מיט זיין שכל אזוי, האלט ער זיך פעסט אונ אזוי בלייבט ביא איהם באשלאסין באשטימט דיא זאך, ער זאגט, וואס קען איך טהאן מיט מיין שכל, אז מיין שכל מיין איבערצייגונג זאגט מיר אזוי, וואס קען איך טאהן בין איך דען אים שטאנדע ארויס צוא רייסען מיין שכל פון קאפ אונ אוועק ווארפען אונ אריין געבין אנאנדער שכל, וואס איך האב איהם ניט, דער שכל ליגט מיר אין קאפ אין דער לענג אונ אין דער ברייט אונ זאגט נאר אזוי.

צו דעם מענטשין איז נאר דא א מיטיל מען בעדארף קריגען א צווייטען אויך, מיט א פעסטין שכל אונ מיט א שארפין צונג, ער זאל קענען אללעס גוט ארויס געבען, וויא זיין קאפ דענקט, איינער האט א גוטען קאפ, א גוטען געדאנק נאר עס פעהלט איהם דער צונג. זיין צונג איז ניט געשליפען, ער איז ניט קיין פועל, ער קען ניט ווירקין, זיינע געדאנקען איז איהם שווער ארויס צו געבין פארן צווייטען, יענער זאל פארשטיין, איינער האט א צונג אונ האט ניט קיין קאפ, איינער האט ביידע זאכען, איינער האט ביידע ניט. אלזא איז דער, וואס איז געבענטשט מיט ביידע זאכען, דער קען זיך אונטער נעהמען איבער צוא ארבעטען יענעמס שכל יענעמס קאפ, ניט זיין איינענעם קאפ, נאר יענעמס

קאפ

קאפ און אוים צייגין מיט פיל שכל, מיט פיל פאקטען, עס איז פראנען אזעלכע מענטשין מיט אזעלכע קראפטין, וואס קענען אללעס אזוי גוט, געבען צוא ערקלערען דעם אנדערען אזוי וויא ער לייגט דאס ארויף אויפ'ן טיש.

עס שטייט אין דער תורה „הוכח תוכיח את עמיתך" דוא זאללסט שטראפען דיין גיזעלען, ד"ה: זאלסט איהם אויסווייזען מיט קלוגע רייד, ויכוחים, דיספוטירן, אויסצייגען, ניט זידלען, ניט שעלטין ניט שלאגען, ניט זיין יענעם קיין שונא, דערפאר, וואס יענער דענקט אנדערש און גלויבט אנדערש, דיא תורה הייסט נאר זאלסט זאגען גוטע מוסר דיין חבר, ווען דוא האסט א קאפ מיט א צונג און דוא קענסט איהם אויף ווייזען אז יענער טהוט אונרעכט אדער דענקט אונרעכט. איז גוט, און צווייטינס שטעהט אין דער תורה ביי דעם שטראפען דעם ווארט „עמיתך", חבר, דיין געזעלען דיין קאליעגע, ד"ה: דיין גלייכען קענסטו זאגען מוסר, אבער ניט דעם מענטשין, וואס קען דיר גאר ניט. פארשטייט מען אז דיא תורה וועט איהם ניט הייסען זאגען מוכר א מענטשין וואס קען איהם גאר ניט, וואס דוא ווייסט גאר ניט מיט וועמען דוא רעדסט· פיללייכט מאכסטו נאך קאליע מיט דעם וואס דוא זאגסט אפרעמדען מענטשען מוסר, דוא זעהסט אוים ביי איהם וויא א ווילדער מענטש, נאר מיט דעם מענשין, וואס וויל דיר איינהערען, אדער א גאנצע פערזאמלונג מענטשין וויללען הערין דיין מוסר קענסטו זאגען, דיא תורה וועט ניט הייסען א מענטשען ער זאל זאגען מוסר דעם צווייטען ווען ער אלליין איז א בור א עם הארץ ער וויים ניט וויא צוא רעדען, איז דוכט זיך גלייכער, אז ער שווייגט, און אז ער קען יענעם ניט אויסווייזען מיט שכל, דארף ער יענעם וואס איז ניט גיזאנגען וויא ער, קיין שונא ניט זיין — נאר פאר א שלעכטען חאראקטער,

וואס

עיקר הצלחת העם ואשרו, כי הקטנים ישמעו לגדולים, הנערים לזקנים והבוערים למשכילים. ונשנן לבנינו את תורת משה ודברי תוכחת הנביאים ומוסרם הטוב אשר הטיפו להעם רק לעשות את הטוב והישר בין איש לרעהו, ולחיות בשלום ובמישור יחדו.

---

וָואס יֶענֶער אִיז אַ צְווֵייפִיסִיגֶע חַיָה טְהִיעֶרֶע אַפְּאַרְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט נָאר לִיבּ זִיךְ אוּנ דֶעם צְוֵוייטֶען גָאר נִיט, אַ גַנָב אַ בֶּעטְרִיגֶער, דֶעם דַארְף מֶען הַאסֶען אוּנ פַּיינְד הָאבֶּען, דֶעם אִיז אַ מִצְוָה פַּיינְד צוּא הָאבֶּען, אָבֶּער נִיט דֶעם וָואס הָאט נִיט אַזֶעלְכֶע גֶעדַאנְקֶען וְויא אִיךְ, וָואס עֶר מֵיינְט נִיט וְויא אִיךְ אוּנ דֶענְקְט נִיט וְויא אִיךְ, זָאל אִיךְ אִיהם דֶערְפַאר פַּיינְד הָאבֶּען, אָדער בַּאלֵיידִיגֶען אִיהם? דָאס אִיז אַווילְדֶער חַאראַקְטֶער אוּנ נַארִישׁ אוּנ מֶערְדֶערַיי. נָאר יָעדֶערֶער דַארְף זִיךְ אַנְוֶוענְדִין אַלֶע קְרֶעפְטֶען צוּ קֶענֶען גֶעבֶּען דֶעם צְוַוייטִין צוּא עֶרְקְלֶערֶען מִיט רַאֲיוֹת מִיט פַאקְטֶען אַלֶעס מִיט שָׁלוֹם מִיט וַוייכֶע רֵייד, אַז יֶענֶער זָאלל אוֹיךְ דֶענְקֶען וְויא אִיךְ אִיז גוּט. אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט קֵיין קְרֶעפְטֶען קֵיין צוּנג קֵיין קָאפּ, עֶר זָאלל דֶעם אַנְדֶערן אָפּ וֶוענְדִין פוּן זַיינְס, דַארְף עֶר שְׁוַוייגֶען אוּנ זַיין מִיט אִיהם גוּט פְרַיינְד אוּנ לֶעבֶּען שָׁלוֹם אוּנ אוֹיף שָׁלוֹם שְׁטֶעהט דִיא וֶועלְט.

זָאללֶען מִיר זֶעהֶען אִין דֶער הִיסְטָארְיֶע אַז אַללֶע נַארָאדִין. וָואס בֵּייא זֵיי אִיז אַחְדוּת, וָואס בַּייא זַייא פָאלְגֶען אִינְגֶערֶע דִיא עֶלְטֶערֶע, פְּרַאסְטֶערֶע דִיא גֶעבִילְדֶעטֶע, דִיא לַייכְטֶען אִין דֶער וֶועלְט, דֶער נַארָאד אִיז גְלִיקְלִיךְ, דֶער נַארָאד אִיז אַ זֶעלְבְּסְשְׁטֶענְ-דִיגֶער, אוּנ אִיז שְׁטַארְק אוּנ רַייךְ, אוּנ שְׁפִּילְט דִיא גְרֶעסְטֶע רָאלְיֶע, אָבֶּער דִיא נַארָאדִין, וָואס אִיז צְווִישֶׁען זַייא קֵיין שָׁלוֹם נִיט, קֵיין אַחְדוּת נִיט, אוּנ יֶעדֶערֶער אִיז אַ יַחְסָן, אוּנ יֶעדֶער

זאגט

זָאגְט פַארְקֶעהְרְט, ווִיא דֶער צְוֵוייטֶער זָאגְט. אַז דִיא נַארָאדִין זֶענֶען צוּא נִישְׁט גֶעוָוארֶען, זֵייא זַיינֶען אִין גַאנְצֶען צוּא גְרוּנְד גֶעגַאנְגֶען, אוּנ דִיא נַארָאדִין, ווָאס זַיינֶען נָאךְ הַייטֶע דָא, ווִיא זֶעהֶען זֵייא אוֹיס? אוּנ אַזוֹיא אִיז מִיט אוּנְז יוּדֶען, זָאלֶען מִיר לֵייעֶנֶען אוּנְזֶער הִיסְטָארְיֶע. פַאר ווָאס זַיינֶען מִיר אַזַא גִיפַאלֶענֶער נַארָאד, נָאר פַאר אוּנְזֶער נִיט שָׁלוֹם, עֶס אִיז קֵיין אַחְדוּת נִיט גֶעוֶועזֶען, יֶעדֶער הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ מֶלֶךְ, יֶעדֶער הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ נַאטְשַׁאלְנִיק, זֵייא הָאבֶּען קֵיין מָאל נִיט גֶעשְׁטִימְמְט צְווִישֶׁען זִיךְ, דַארִיבֶּער אִיז אוֹיף אוּנְז גֶעקוּמֶען אַזֶעלְכֶע צָרוֹת.

אַלְזָא דַארְפֶען מִיר אוּנ מִיר מוּזֶען פַארִרִיכְטֶען דִי פֶעהלֶערְן, ווָאס אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּנ דִי עֶלְטֶערְנְ'ס עֶלְטֶערְן הָאבֶּען קַאלֵיע גֶעמַאכְט. מִיר מוּזֶען אַלֶע, ווֶער עֶס הָאט נָאר אַ קָאפּ מִיט אַ צוּנְג, ווֶער עֶס הָאט נָאר אַ פֶעדֶער, דַארְפֶען מִיר נָאר אַרַיינְרֶעדִין אוּנ שְׁרַייבֶּען אוּנ דְרוּקֶען אַזֶעלְכֶע בִּיכֶער אוּנ לֶערְנֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּנ אַלֶעם גֶעבֶּען זֵייא צוּא פֶערְשְׁטֶעהְן, אוּנ גֶעבֶּען צוּא עֶרְקְלֶערֶען אַלֶע אֵיידֶעלֶע חַארַאקְטָארְן, אַז יֶעדֶער זָאל שֶׁעצִין אוּנ עֶרְלִיךְ הַאלְטֶען דֶעם קְלִיגֶערְן פוּן אִיהם, דֶעם גֶעבִּילְדֶעטֶערְן פוּן אִיהם. יֶענֶער קֶען נִיט מֵיינֶען נִיט דֶענְקֶען, ווִי עֶר, אָבֶּער עֶר אִיז דָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער חָכָם פוּן אִיהם, גֶעלֶערְנְטֶער פוּן אִיהם, דַארְף עֶר אִיהם זֵייעֶר פִיל כָּבוֹד אָפּ גֶעבֶּען אוּנ לָאזֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן יֶעדֶערְן, ווִיא דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט, „הֱוֵי לוֹמֵד מִכָּל אָדָם", יֶעדֶער דַארְף זִיךְ לֶערְנֶען שֵׂכֶל, אָדֶער גוּטֶע מִדּוֹת, פוּן יֶעדֶען מֶענְטְשִׁין. עֶס קֶען זַיין אַז נָאר בַּייא אַ פְּרָאסְטֶען מֶענְשֶׁען קֶען זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אִיהם אַ מִדָּה זֵייעֶר אַ פַיינֶע אַ גוּטֶע, דַארְף מֶען נִיט קוּקֶען אוֹיף דֶעם מֶענְטְשֶׁען, נָאר אוֹיף דֶער מִדָּה אוֹיף דֶעם חַארַאקְטֶער. נָאךְ הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גֶעזָאגְט „אַל תִּסְתַּכֵּל

בקנקן

בְּקַנְקַן אֶלָּא בְּמַה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, זָאלְסְט נִיט קוּקֶען אוֹיף דֶעם קְרוּג, נָאר וָואס אִיז דָא אִין קְרוּג. ד"ה: עֶס קֶען זַיין אַ פְּרַאסְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט בֶּעסֶערֶע מִדּוֹת, עֶר הָאט אַ פֵיינֶעם חַאַרַאקְטֶער. זָאלְסְטוּ נִיט קוּקֶען אוֹיף דֶעם מֶענְטְשִׁין נָאר אוֹיף זַיינֶע מִדּוֹת. זַיין חַאַרַאקְטֶער, אוּנ עֶס קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם אַיין גֶעבִּילְדֶעטֶער מֶענְטְשׁ אוּנ הָאט אַ פַאַרְדָארְבֶּענֶעם חַאַרַאקְטֶער. זָאלְסְטוּ נִיט קוּקֶען אוֹיף דֶעם מֶענְטְשֶׁען נָאר אוֹיף דֶעם חַאַרַאקְטֶער.

אַלְזָא דַארְף זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַיינְהֶערֶן, וֶוען אַיינֶער זָאגְט אִיהם אַגְלַייבֶּע זַאךְ, אוּנ פִיהְרְט אִיהם אַרוֹיף אוֹיף אַ גוּטֶע מִדָּה, אוּנ לֶערְנְט אִיהם אוֹיף גוּטֶעס, פוּן זַיין טוֹבָה וֶועגֶען, דַארְף עֶר הֶערֶען אוּנ פָאלְגֶען אֲפִילוּ אַז יֶענֶער אִיז קְלֶענֶער פוּן אִיהם, אוּנ בִּפְרַט אַ חָכָם רֶעד. אָדֶער אַ עֶלְטֶערֶער מֶענְשׁ פוּן אִיהם דַארְף עֶר שֶׁעצִין אוּנ גֶעבֶּען עֶהרֶע.

אוּנ מִיר זָאלֶען לֶערְנֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער תּוֹרַת מֹשֶׁה, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס זִיא שְׁרַייבְּט נָאר וִויא מֶענְטְשֶׁען זָאלֶען זַיין גוּט אַיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערֶען, אַלֶעס, וִויא דִיא תּוֹרָה שְׁרַייבְּט אִיז אַללֶעס פַארן מֶענְטְשִׁינְס טוֹבָה וֶועגִין, אַללֶע גוּטֶע מִדּוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה זָאל מֶען דִי קִינְדֶער פוּן קִינְדְהַייט אוֹיף אַיין פְּלַאנְצֶען, אוּנ אוֹיךְ לֶערְנֶען, וָואס דִיא אַלֶע נְבִיאִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט זֵייעֶר טַייעֶרִין מוּסָר, וָואס זֵייא הָאבִּין גִינֶעבִּין דֶעם פָאלְק. נָאר צוּ זַיין גוּט אַיינֶער צוּם אַנְדֶערִין, דִיא גְרֶעסְטֶע טְהַייל מִצְוֹת פוּן גַאנְץ תַּנַ"ךְ בֶּעשְׁטֶעהט נָאר דִיא מֶענְשְׁלִיכְקַייט צוּא טְאהן גוּט אַיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין אוּנ לֶעבֶּען אִין שָׁלוֹם אִין צוּפְרִידִינְהַייט; דָאס אַלֶעס אַיינְפְּלַאנְצֶען בַּייא דִיא קִינְדֶער פוּן קִינְדְהַייט אָן. דַאמָאלְס וֶועלִין מִיר קֶענֶען גַיין בּוֹיעֶן צִיוֹן מִיט גְרוֹיס הָאפֶענוּנְג אַז מִיר וֶועלִין מַצְלִיחַ זַיין.

ישעיה

ישעיה הנביא קרא בקול חוצב להבות אש ואמר „שמעו דבר ה׳, האזינו תורת אלהינו: למה לי רוב זבחיכם יאמר ה׳. כי תבאו לראות פני, מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי. חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי. ובפרשכם כפיכם אעלים עיני מכם. גם כי תרבו תפלה אינני שומע, ידיכם דמים מלאו. רחצו הזכו, הסירו רוע מעלליכם, למדו היטב, דרשו משפט, שפטו יתום, ריבו אלמנה וכו׳, כספך היה לסיגים סבאך מהול במים,

---

ישעיה הנביא האט געזאגט שמעו דבר ה׳, האזינו תורת אלהינו, הערט צוא דיא רייד פון גאטט, פארנעהמט דיא לערנונג פון אונזער גאטט, למה לי רוב זבחיכם יאמר ה׳, וואס טויג מיר אייערע קרבנות אייערע אפפערין זאגט גאט. כי תבואו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי. ווען איהר קומט צוא זעהען מיין אנגזיכט מיין פנים ווער בעט פון אייך איהר זאלט קומען טרעטין אין מיין הויף. חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי, היו עלי לטורח נלאיתי נשוא, אייערע חדשים אונ אייערע ימים טובים האט פיינד מיין זעלע, עס איז מיר צוא לאסט, איך בין שוין מיד צוא פערטראגען, ובפרשכם כפיכם אעלים עיני מכם. אז איהר פארשפרייט; אייערע הענד צוא מיר, קער איך אפ מיינע אויגען פון אייך, גם כי תרבו תפלה, אינני שומע, ווען איהר מעהרט פיל דאווענען הער איך גאר ניט. ידיכם דמים מלאו, ווארום אייערע הענד זיינען פיל מיט אונשולד בלוט, רחצו הזכו, הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני, וואשט זיך אפ, ריינגט זיך, טוהט אפ אייערע שלעכטע וועגין פון „ענטגעגין מיינע אויגען. למדו היטב דרשו משפט, לערנט גוטעס, פאדערט משפט, שפטו יתום ריבו אלמנה, ריבטעט דעם יתום, אונ נעהמט זיך אן פאר

**שריך סוררים וחברי גנבים כלו אוהב שוחד. כפיכם נגואלו בדם, ואצבעותיכם בעון, שפתיכם דברו שקר**

---

דִיא אַלְמָנָה. כַּסְפֵּךְ הָיָה לְסִיגִים סָבְאֵךְ מָהוּל בַּמָּיִם, דַיינֶע זִילְבֶּער אִיז צוּמִישְׁט מִיט מֶעטַאל בְּלייא. אִין דַיינֶע גֶעטְרַאנְקֶען מִישְׁטוּ אַרַיין וַואסֶער, שָׂרַיִךְ סוֹרְרִים, וְחַבְרֵי גַנָּבִים, דַיינֶע הֶארִין קֶערִין אָפּ פוּן גוּטֶען וֶועג, דַיינֶע חֲבֵרִים זַיינֶען גַנָּבִים, כּוּלּוֹ אוֹהֵב שׁוֹחַד, אַלֶע הָאבִּין לִיבּ שׁוֹחַד לַאפְּקֶע (חַאבַּאר). כַּפֵּיכֶם נְגוֹאֲלוּ בַדָּם, אַייעֶרֶע הֶענְד זַיינִין אַיינְגֶערִיכְט אִין בְּלוּט וְאֶצְבְּעוֹתֵיכֶם בְּעָוֹן, אוּנ אַייעֶרֶע פִינְגֶער זַיינֶען אִין זִינְד, שִׂפְתֵיכֶם דִּבְּרוּ שֶׁקֶר, וּלְשׁוֹנְכֶם עַוְלָה תֶהְגֶּה. אַייעֶרֶע לִיפִּין רֵיידִין פַאלְשׁ, אוּנ אַייעֶרֶע צִינְגֶער רֶעדִין עַוְלוֹת אוּנְרֶעכְט נַארִישׁ־קַייט, אוּנ זָא וַוייטֶער. אִין קַאפִּיטִיל נ"ח זָאגְט דֶער נָבִיא דִיא וֶוערְטֶער, וָואס גָאט הָאט אִיהם גֶעזָאגְט קְרָא בְגָרוֹן אַל תַּחְשׂוֹךְ, כַּשּׁוֹפָר הָרֵם קוֹלֶךָ וְהַגֵּד לְעַמִּי פִּשְׁעָם, וּלְבֵית יַעֲקֹב חַטֹּאתָם, רוּף מִיט דַיין הַאלְז אוּנ הֵייבּ אוֹיף דַיין שְׁטִימֶע וִויא אַ שׁוֹפָר, אוּנ זָאג צוּא מַיין פָאלְק זַייעֶרֶע זִינְד, אוּנ צוּא דִיא הוֹיז פוּן יַעֲקֹב זַייעֶרֶע אוּנְרֶעכְט. וְאוֹתִי יוֹם יוֹם יִדְרֹשׁוּן וְדַעַת דְּרָכַי יֶחְפָּצוּן, זַייא פָארְשְׁטֵין מִיר אַלֶע טָאג אוּנ ווִילְלֶען ווִיסֶען מַיינֶע וֶועגֶען. כְּגוֹי אֲשֶׁר צְדָקָה עָשָׂה וּמִשְׁפַּט אֱלֹהָיו לֹא עָזָב, רִיכְטִיג אַזוֹי וִוי זַיי וָואלְטִין גִיוֶועזִין אַפָאלְק, וָואס טְהוּט צְדָקָה אוּנ פַארְלָאזְט נִיט גָאטְס מִשְׁפָּט. יִשְׁאָלוּנִי מִשְׁפְּטֵי צֶדֶק קִרְבַת אֱלֹהִים יֶחְפָּצוּן, זַייא פְרֶעגֶען מִיר מִשְׁפָּט אִין גִירֶעכְט, זַייא ווִילְלִין גָאטְט זָאלל זַיין צוּא זַייא נָאהֶענְט. לָמָּה צַּמְנוּ וְלֹא רָאִיתָ, עִנִּינוּ נַפְשֵׁנוּ וְלֹא תֵדָע? אִיהר זָאגְט פַאר וָואס זֶעהסְטוּ נִיט, גָאטְט, וִויא מִיר פַאסְטֶען, מִיר פַּיינִיגִין אוּנזֶערֶע זֶעעלֶע אוּנְזֶערֶע נְפָשׁוֹת אוּנ דוּא מַאכְסְט זִיךְ נִיט ווִיסִין. עֶנְטְפֶערְט דֶער נָבִיא. הֵן בְּיוֹם צוֹמְכֶם תִּמְצְאוּ חֵפֶץ, מִיט אַייעֶר פַאסְטִין גֶעפִינְט אִיהר אַייעֶר פֶערְגְנִיגֶען. הֵן לְרִיב וּמַצָּה

תצומו

ולשונם עולה תהגה וכו׳. הכזה יהיה צום אבחרהו? יום ענות אדם נפשו? הלכוף כאגמון ראשו ושק ואפר יציע? הלזה תקרא צום ויום רצון לה׳; הלא זה צום אבחרהו: פתח חרצובות רשע, התר אגודות מוטה, ושלח רצוצים חפשים, וכל מוטה תנתקו. הלוא פרס לרעב לחמך. ועניים מרודים תביא בית, כי תראה ערום וכסיתו

תְּצוּמוּ, וּלְהַכּוֹת בְּאֶגְרוֹף רֶשַׁע, אַייֶער פַאסטין אִיז צוּא קְרִיגֶען זִיךְ אוּנ צוּא שְׁלָאגֶען זִיךְ לֹא תָצוּמוּ כַיּוֹם לְהַשְׁמִיעַ בַּמָּרוֹם קוֹלְכֶם. אִיהר פַּאסְטְ נִיט צוּא מַאכִין הֶערִין אַייֶער שְׁטִימֶע אִין הִימִיל. הֲכָזֶה יִהְיֶה צוֹם אֶבְחָרֵהוּ? צוּא דָאס אִיז אַ תַּעֲנִית, אַ פַאסְטִין, וָואס אִיךְ זָאל דָאס עֶרְוֵוילֶען? יוֹם עַנּוֹת אָדָם נַפְשׁוֹ, אַ טָאג אַז אַמֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פַּיינִיגִין? הֲלָכֹף כְּאַגְמוֹן רֹאשׁוֹ וְשַׂק וָאֵפֶר יַצִּיעַ? וָואס דֶער מֶענְטְשׁ בֵּייגְט אַיין זַיין קָאפּ וִויא אַ גְרֶעזֶעלֶע אוּנ דֶעקְט זִיךְ אָן מִיט אַ זַאק מִיט אַשׁ, הֲלָזֶה תִּקְרָא צוֹם? צוּא דָאס רוּפְט אִיהר אַ תַּעֲנִית? וְיוֹם רָצוֹן לַה׳, אוּנ צוּ דָאס אִיז בַּאווִילִיגְט בַּייא גָאטְט. הֲלֹא זֶה צוֹם אֶבְחָרֵהוּ, אָט דָאס אִיז אַ תַּעֲנִית וָואס אִיךְ ווייל אוֹים: פַּתֵּחַ חַרְצֻבּוֹת רֶשַׁע, הַתֵּר אֲגֻדּוֹת מוֹטָה, אוֹיפְבִּינְדֶען דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס זַיינֶען אוּנְשׁוּלְדִיג גִיבּוּנְדִין, אוֹיפְבִּינְדִין דִיא בּוּנְדִין פוּן דְרִיקִין מֶענְטְשֶׁען, וְשַׁלַּח רְצוּצִים חָפְשִׁים, אוּנ אַרוֹיס שִׁיקֶען דִיא צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשִׁין פְרַייא, וְכָל מוֹטָה תְּנַתֵּקוּ. אוּנ אַלֶּע מֶענְטְשִׁין, וָואס לַיידֶען אַיְךְ פוּן דִיא שְׁטַארְקֶע פוּן זַייא זָאלְט אִיהר אוֹיף רַייסֶען. הֲלֹא פָרוֹס לָרָעֵב לַחְמֶךָ. פַאר שְׁפְּרֵייט דַיין בְּרוֹיט פַאר דִיא הוּנְגֶערִיגֶע, וַעֲנִיִּים מְרוּדִים תָּבִיא בָיִת, אוּנ דִיא אָרֶעמֶע לַייְדֶענְדֶע מֶענְטְשִׁין זָאלְסְטוּ אַריין בְּרֶענְגֶען צוּא דִיר אִין שְׁטוּבּ, כִּי תִרְאֶה עָרֹם וְכִסִּיתוֹ. וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם, דוּא וֶועסְט זֶעהֶען אַ נַאקֶעטִין זָאלְסְטוּ אִיהם אָנְקְלַיידֶען, אוּנ פוּן דַיין

פרוינד

ומבשרך לא תתעלם וכו׳. אז יבקע כשחר אורך וארכתך מהרה תצמח והלך לפניך צדקך כבוד ה׳ יאספך, אז תקרא וה׳ יענה״. ועל הדרך הזה הוא כל תוכחת הנביאים. ובסגנון כזה הורו כל הנביאים את העם בשם

---

פריינד זאלסטו ניט פארזעהען, זאלסט אויף איהם אבאכט געבין, אז יבקע כשחר אורך, דאמאלס וועט לייכטין דיין ליכטיגקייט ווי דער מארגענשטערן, וארכתך מהרה תצמח און דיין רפואה וועט גיך זיין, והלך לפניך צדקך, דיין גערעכטיגקייט וועט געהן פאר דיר. כבוד ה׳ יאספך, און דיא עהרע פון גאטט וועט בייא דיר זיין. אז תקרא וה׳ יענה, דאמאלס אז דוא וועסט רופען, וועט (גאטט) דיר ענטפערן. תשוע ויאמר הנני, אז דוא וועסט שרייען צוא גאטט וועט ער זאגין אט בין איך. אזוי רעד דער גרויסער נביא, ווייטער און ווייטער; עס איז צוא קושין דיא הייליגע טייערע ווארטער.

אבער לייד׳ער, צוא א יוד וייס דען פון דעם מוסר, וואס דאס איז אהיילונג א גליק פאר דיא מענשענהייט, צו לערנט מען דאס אונזערע קינדער? צוא דיא אלע מגידים, צוא אלע רבנים זאגין אין די שוהלען אזאלכע הייליגע זיסע מוסר, וויא דיא אללע הייליגע נביאים האבען געזאגט, אין גאטטס נאממען, אט דאס איז אונזער גליק און וועגען דעם שרייט גאטט און בעט זיך אז איך פערלאנג נאר דאס פון אייך, דאס דערמאהנט גאר קיינער ניט, נאר ער שרייט, ער שאקילט זיך און פלאסקעט אין דאוועגען און ווארפט זיך, דאס איז געוואורין בייא אונז יודין אין דעם גרויסען גלות גאטטעס דינסט. אט דאס, וואס עס שטייט גאר ניט דערמאהנט אין דער תורה, און דיא נביאים, עס שטעהט דייטליך, אז דער פאסטין דער דאוועגען אליין האט גאר בייא

גאט

ה׳ צבאות ללכת בדרכי יושר בדברים שבין אדם לחברו — ואם נלמד את בנינו ללכת בדרך הזה אז

גאַטט קיין ווערדע ניט, שפּילט דאָס גראָדע בייא אונז דיא גרעסטע ראָלע, אונ אויף מענשליכקייט אונ אָרינטליכקייט אויף שלום קוקען מיר זיך גאר ניט אום, נו וואס איז דער וואונדער, וואס מיר שטייען אַזויא נידעריג בייא דיא פעלקער. מיר זיינען אין גאַנצען צוא בראָכען, אַז בייא אונז יודין בעוונותינו הרבים קוקט מען גאר ניט אויף דעם מענטשינס אָרינטליכקייט, נאָר אויף זיין יודישקייט, וואס פאַר אַ ראָלע שפּילט ביי אונז אַ אָרינטליכער מענש, ווען ער איז ניט קיין פאַנאַטיק, קיין פרומער, מען וויל איהם אפילו ניט צו נעהמען צו קבר ישראל, אונ זיינע אייגענע ברידער פערהאַסין איהם, דער יחסן דער שיינער יוד איז נאָר דער פאַנאַטיק ער. מעג שוין טאהן אַלע פאַרברעכין, נאָר דיא מאַסקע שפּילט בייא אונז דיא ראָלע ווייא אונ ווינד איז צו אונז, אַז מיר דאַרפען אונזערע ברידער זאָגען דעם ריינעם אמת.

אַלזאָ מוזען מיר אָנהויבען צו לערנען אונזערע קינדער תורת משה די היילינע תורה מיט די היילינע נביאים אונ פאַרברייטערן זייער מוסר אונ נאָר וועגען דעם רעדען אונ געבען צו ערקלערן, ווי אַזוי עס איז נאָר וויכטיג דער מוסר פון דער תורה אונ פון די נביאים פאַר דעם גליק פיר אונז יודין, אָבער ניט, ווי דיא קעלבערנע מגידים זאָגען פאַר דעם גראָשין אונ סטראַשען מיט דעם גיהנום מיט די מלאכי חבלה, עס איז גענוג פאַר אונז אויף צוא ווייזען וויא אַזוי מיר זענען אונגליקליך אין דער וועלט. אַז מיר קענען גאר ניט לעבען ווען מיר וועלין ניט פאָלגין, וואס די תורה אונ די היילינע נביאים האבין אונז פערזאָגט, אונ דעם מוסר איין צו

ווארצלען

נהיה מאושרים ובא לציון גואל.

---

## ט.

## שפת הממשלה והמדינה.

רבים מן היהודים לא ידעו רק את השזרגאן ומעטים הם בנ"י היודעים לדבר צחות בשפת הממשלה והמדינה. וזה הוא מעות רבה מאד מאד, אשר עליה נשא חרפה כל היום, כי היהודי מטבעו איננו מבעלי

---

ווארצלען אין אונזערע קינדער פון קינדהייט אן, דאמאלס ובא לציון גואל.

---

## 9.

## די לאנד שפראכע מיט דער רעגירונגס שפראכע.

דאס רוב יודען קענען קיין שפראך ניט, ניט די לאנדס שפראכע, ניט דיא רעגירונגס שפראכע נאר דעם שוארגאן, וואס דאס איז א סמיעס, אוים געמישט פון אללע שפראכען, וואו דיא יודין האבען זיך ארום גיוואלגערט, האבין זייא פון דארט ארויס געשלעפט אביסל ווארטער פון דער לאנד, אביסיל פון דער צווייטער לאנד. א. ז. וו. דיא שוארגאן האט ניט קיין ליטעראטור קיין בילדונג קיין קענטעניש עס איז זייער אנידעריג א פינצטערע שפראכע. דאס רעדען אונזערע גילערנטע יודען, ד"ה תלמודיסטין רבנים. אונ דאס איז אגרויסער פעהלער, וואס מיר האבען זייער א געמיינע שפראכע צוליב דעם שטייען מיר נידעריג, אונ צוליב

דעם

בושת הפנים. הוא ימצא בכל מקום ובכל כנופיא. אין מקום קבוץ ואספת־עם, אשר אחב"י לא ימצא שמה. אף כי במלבושיהם הם לראוה ולדראון, אם ילעיגו לבגדיהם ולשפתם, שפת עלגים, אם גם יראו, כי כפראים הם בעיני העמים, אם גם כלם יבוזו וישחקו להם, לא ישיתו לב, אך לב המשכיל, אוהב עמו, עליו ידאב ונפשו במסתרים תבכה בראותו את שפלות בני עמו.

---

דעם זיינען מיר פארשעמט צווישען דיא פעלקער אונזערע שכנים.

אונזערע יודין זיינען ניט קיין בעלי בושת פנים פון דער נאטור דער יוד געפינט זיך אומעדום: אין אללע פערזאמלונגען, אין אלע פערוויילונגען איז דער יודעלע. איהם הארט גאר ניט אז ער געהט לאנג געקליידעט וואס דאס שלעפט אויף זיך ארום דעם גאנצען שמוץ (דיא קליידער האבען יודין פון אנפאנג נאך גיטאהן דיא פריצים, זייא זיינען פארצייטען גיגאנגען לאנג גיקליידעט מיט שטריימלען אונ טאקי די שטריימלען וואס די רבנים געהען היינט, די יודען האבען זיך דאמאלס געוואלט אסימילירן אויסמישען אויס גלייכען זיך מיט זיי. דערנאך האבען די פריצים אוועק געווארפען די לאנגע קליידער, וואס דאס נעהמט אויף זיך שמוץ אונ האבען זיך אנגעהויבען אנצוטאהן קורץ ווי אין אויסלאנד, האבען זיי געניית די יודען זיי זאללען בלייבען ביי זייערע לאנגע קליידער, דארום אז זיי זאלען האבען פון זיי וואס צוא לאכען, איז דאס ביי די יודען געבליבען א נאציאנאלנער א נאראדנער גאנג).

אונ דיא פריצים האבען מיט דער צייט פארגעסען אז זייא זענען אליין געגאנגען אמאל וויא דיא יודען געהען היינט, אונ האלטען דיא יודען פאר נידעריג, אבוואהל יעדער נאראד, געהט

אנדעריש געקליידעט, איינער פארגלייכט זיך ניט אוים מיט דעם אנדערן, נאר יעדער נאראד האט א לאנד וויים מען אז ביי איהם אין לאנד געהט מען אזוי געקליידעט אונ אז ער קומט אין אפרעמדע לאנד געהט ער אויך ווי ביי זיך אין דער היים, אונ אללע ווייסען אז דער מענטש איז פון יענער לאנד, אונ יענער נאראד, אונ קיינער פערהאכט איהם ניט דאריבער, אבער מיר יודען אז מיר האבען קיין לאנד ניט, אונ וויא מיר זענען געגאנגען געקליידעט אמאל אין ארץ ישראל פאר א פאר טויזענד יאהר צוריק ווייסען מיר ניט, אונ קיינער וויים דאס ניט, דאריבער האבען די נאראדין פאראיבעל אויף דעם יודעלע, אונ זאגען, דוא יודעלע וואוהנסט דאך ביי אונז אין לאנד, דו ביסט דאך, אונזערער א אונטערטהאן אונ קיין איינען לאנד האסטו אין ערגעץ ניט פון וואנען זאלסטו זיך נעהמען דעם גאנג. – דיינע יעצטיגע לאנגע קליידער האבען דאך דיר אנגעקליידעט דיינע פריצים דיינע העררין וואס האבען דיר פארהאכט אונ געהאלטען נידעריג וויא פיה, האבען זיי דיר געגייט זאלסט בלייבען ביא דער אלטער מאדע לאנגע קליידער, כדי עס זאל זיך אן נעהמען אויף זיי בלאטע שמוץ, נאך אין יענע צייטען אז עס איז געוועזען גרויסע בלאטעס האבען דיא פריצים ליב געהאט צו קוקען אויף דעם יודעלע וויא ער געהט פארסארגעט אין בלאטע די קאפאטעס ביז דעם גארטעל, אז זיי זאלען האבען פון וועמען צו לאכען, זיי די פריצים האבען דאמאלס געהאלטען דיא יודען פאר אבעזיאנעס, אונ האבען געהאט ליב צוא מאכען פון דיא יודען אללע גילעכטערס, אבער היינט האבען שוין דיא יודען דיא איינענע מענטשען גירעכט וויא אלע, אפילו אין דיא לענדער וואו יודען שטייען נאך יעצט אויך נידעריג אונ האבען וועניגער פראוועס ווי אללע פעלקער, פון דעסטוועגין האלט מען דאך יודען פאר מענשין, אונ דער יוד האט היינט אין דער גאנצער

וועלט

וועלט פראווע צוא פארערין אין גיריכט זיין עהרע ווער עס בעליידיגט איהם גלייך מיט אללע נאראדין פאר וואס'זשע זאל דער יודעלע ניט אראפ ווארפען פון זיך זיינע לאנגע בגדים, וואס זייא ווערען פארשלומפערט אין דיא בלאטעס. היינט האט זיך די וועלט גענומען צוא דיא ריינקייט, אונ מען טהוט אלע מיטלען וויא איין צו פיהרען ביים נאראד דיא ריינקייט, דארף מען דאך דיא ערשטע זאך זעהען אז דיא מענער קליידער זאלען זיך ניט שלעפען אין בלאטע. לאנגע קליידער פאסט פיר א גייסטליכען, ער טהוט קיין ארבעט ניט קיין געשעפט ניט ער דארף זיך ניט היילען, ער דארף ניט לויפען, גייט ער זיך לאנגזאם, אונ קען אין זינען האבען דער מלבוש זאל זיין ריין, אבער ניט יודען האנדלערשוועס, בעלי מלאכות, בעלי עגלות, גנבים, אונ נאך פערשידענע קאטעגאריעס וויא עס געפינט זיך אין יעדער נאראד, וואס פאר א חן, וואס פאר א ווערדע קען האבען דיא לאנגע קליידער, אז אזעלכע פערשידענע לייט גייען, עס זעהט אויס זעהר שמוציג אונ העסליך, אונ כמעט וויא ווילד. איך האלט יעצט ניט ביי די רעדע פון די מלבושים, זאלען מיר זיך אומקערן צוא אונזער געשפרעך.

דער יודעלע קוקט גאר ניט, ער מעג געהן מיט'ן גרעסטען שלומפער וויא שמוציג, שטופט ער זיך אריין צווישען די גרעסטע אריסטאקראטען פון אלע פעלקער. אונזערע ברידער האבען זיך אגוטע נאטור: איהם הארט גאר ניט, דיא נאראדען מעגען זיך לאכען פון איהם וויפיל זייא ווילען דאס קיממערט איהם גאר ניט, ער איז אלעמען מבטל אונ ער קריכט ווייטער אונ אלץ העכער; דיא נאטור איז אפילו פאר אונז זעהר גוט, לויט אונזערע ביטערע לאגע, ווארום מיר זאללען וועלען קוקין אונ זאל אונז קימערען,

וָואס דִיא נַארָאדֶען לַאכֶען אוּנ שְׁפֶּעטֶען פוּן אוּנְז הָאבֶּען מִיר בֶּעדַארְפְט זִיצֶען יֶעדֶערֶער בַּייא זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּנ נִיט אַרוֹיס וַוייזֶען דִיא נָאז אוֹיף דֶער גַאס, וַויא דִיא אַנְטִיסֶמִיטֶען גִיבֶּען נָאר אַקוּק אוֹיף אוּנְזֶער נָאז אַזוֹיא שְׁטֶעכְט דָאס זַייא דוּרְךְ, אַלְזָא דָאס וָואלְט נָאךְ נִיט אוֹיסְמַאכֶען, גֶעה זִיךְ מִיט דַיין פַּארְשְׁלוֹמְפֶּערְטֶע קַאפָּאטֶע וָואס שְׁלֶעפְּט זִיךְ אוֹיס אַלֶע בְּלָאטֶעס, אָבֶּער רֵייד גוּט דִיא פָאלְקְס שְׁפְּרַאכֶע וִויא דַיינֶע שְׁכֵנִים רֶעדֶען, דִיא רֶעגִירוּנְגְס שְׁפְּרַאכֶע רֶעד חָאצְבִּי וִויא אַ מֶענְשׁ, זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען אוֹיס טַעֲנָה׳עֶן מִיט אַרַיינֶעם צוּנְג, קֶענְסְטוּ אִיהם זָאגֶען. דוּ בְּרוּדֶער וָואס הַארְט דָאס דִיר וִויא אִיךְ גֶעה אִיךְ טְהוּ דִיר עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט מִיט מַיין גַאנְג? דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַזוֹי גֶעהְן, אוּנ אִיךְ אַזוֹי.

אָבֶּער לֵיידֶער אַז דֶער יוּד הַייבְּט נָאר אָן עֶפִּיס צוּ רֶעדֶען, עֶר עֶפֶענְט נָאר אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדֶען אַיין וָוארְט. הֶערְט שׁוֹין דֶער שְׁכֵן אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס גָאר ווִילְד, גֵיין גֵייט עֶר זָלַאנְג שְׁמוּצִיג, רֶעדֶען מִיט קַיין מֶענְטְשִׁין קֶען עֶר נִיט, אֵיי דָאס וָואס דֶער יוּד קֶען תַּלְמוּד, רֶעלִיגְיֶעזִישֶׁע חָכְמָה, דָאס אִיז בַּיי אִיהם גָאר נִיט, עֶר הָאט גָאר קַיין גֶעפִיהל נִיט אִין דֶעם גֶעשְׁמַאק פוּן דִיא רֶעלִיגְיֶעזִישֶׁע חָכְמוֹת, עֶר זָאגְט אַז דָאס דַארְפֶען קֶענֶען דִיא גֵייסְטְלִיכֶע, דָאס גִיהֶער נָאר צוּ זֵיי, אָבֶּער מִיר פְּרָאסְטֶע מֶענְשֶׁען אַז מִיר שְׁטוּדִירֶען נִיט אוֹיף קַיין גֵייסְטְלִיכֶע צוּ זַיין, דַארְפֶען מִיר לֶערְנֶען וִויא אַזוֹיא בְּרוֹיט צוּ פַארְדִינֶען מִיט דִיא הֶענְד אַרְבֶּעט, אָדֶער מִיטְ׳ן קָאפּ אַרוֹיס צוּ גֶעבֶּען נַייֶע מַאשִׁינֶען צוּ פַארְגְרִינְגֶערְן דֶעם מֶענְשִׁינְס לֶעבֶּען, דֶער תַּלְמוּד הָאט בַּיי אִיהם קַיין וָוערְדֶע נִיט, אוּנ מִיר יוּדֶען זֶעהֶען אוֹיס בַּייא זַייא ווִי ווִילְדֶע מֶענְטְשִׁין, וָוארוּם אַז מִיר קֶענֶען נִיט רֶעדֶען מִיר קֶענֶען זִיךְ נִיט אוֹיס טַעֲנָה׳עֶן מִיט זַייא, וִויא קֶען עֶר גְלוֹיבֶּען אַז דֶער יוּדֶעלֶע הָאט מֶעהר שֵׂכֶל פוּן אִיהם, אַז עֶר הָאט נִיט קַיין צוּנְג, דַארִיבֶּער

מאכע

הגידו נא לי, אחי, בני עמי! איה אפוא תמצאו את פרנסתכם ומאין יש לכם מחיה? האם לא מן העמים, אשר בקרבם אתם יושבים? ומדוע אפוא לא תלמדו את בניכם ובנותיכם לדבר כן בלשון העמים האלה ובלשון הממשלה, אשר בחסדה תגן עליכם ועל רכושכם? אם תגמגמו בלשונכם אל בני העמים הלא בוז יבוזו לכם והייתם כפראים בעיניהם.

ואם תאמרו, כי גם בארצות, אשר כל תושביהן

---

מַאכֶען זַייא פוּן אוּנְז דֶעם גְרֶעסְטֶען גֶעלֶעכְטֶער אוּנ מִיר שְׁטֶעהְן בַּייא זַייא, זָא נִידְרִיג, וָואס קֶען שׁוֹין נִידֶערִיגֶער נִיט זַיין.

אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ נִיט אוֹיסְטַעֲהנ'ען צְווִישֶׁען זִיךְ, אוּנ אַז מִיר גֶעהֶען צוּם גֶערִיכְט אִין דִיא פְּרִיסוּטְסְטְוֶוענֶע עֶרְטֶער קֶענֶען מִיר זִיךְ אוֹיךְ נִיט אוֹיסְטַעֲהנ'עֶן, דַארִיבֶּער פַארְשְׁפִּילֶען מִיר אוּמֶעדוּם אוּנ דִיא טְשִׁינָאווְנִיקֶעס הַאלְטֶען אוּנְז אוֹיךְ פַאר נִידֶערִיג, אוּנ וָואס מֶען טְהוּט מִיט אוּנְז אִיז אַלְץ פַארְפַאלֶען, אַז דֶער יוּדֶעלֶע הָאט נִיט קַיין צוּנְג, זֶענֶען מִיר דַארִיבֶּער אוּמֶעדוּם צוּא שַׁאנְדֶע.

זָאגְט מִיר, לִיבֶּע בְּרִידֶער, וואו גֶעהְמְט אִיהר אַייעֶרֶע פַּרְנָסוֹת פוּן וַואנֶענְט עֶרְנֶעהְרְט אִיהר זִיךְ, מִיט אַייעֶרֶע וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער, צוּא נִיט פוּן דִי פֶעלְקֶער אַייעֶרֶע שְׁכֵנִים, פַאר וָואס זָאלְט אִיהר נִיט לֶערְנֶען אַייעֶרֶע קִינְדֶער פוּן קִינְדְהַייט אָן דִיא פֶאלְקֶס שְׁפְּרַאכֶע פוּן דֶער מְלוּכָה. דִיא רֶעגִירוּנְג וָואס בַּאשִׁיצְט אַייךְ, אַייעֶרֶע נְפָשׁוֹת אוּנ אַייעֶר פַארְמֶעגֶען'ס, אַז אִיהר וָואלְט גֶערֶעט גְלַייךְ מִיט זַייא וָואלְטֶען זַיי פוּן אַייךְ נִיט גֶעלַאכְט, אוּנ אִיהר וָואלְט זִיךְ גִיקֶענְט אוֹיסְטַעֲהנֶ'ען וֶוען אִיהר קוּמְט צוּם מִשְׁפָּט.

לִיבֶּע בְּרִידֶער, אִיהר וֶועט אֶפְשַׁר וֶועלֶען זָאגֶען אַז דָארְט אִין דִיא לֶענְדֶער וואו יוּדֶען גֶעהֶען שׁוֹין גֶעקְלַיידֶעט גְלַייךְ מִיט זַיי

אוּנ

היהודים ידברו צחות בשפת העם ולא נכר היהודי לפני בן עם אחר, לא בשפתו ולא במלבושיו, ובכל זאת עוד יותר שנואים הם מאשר בתוכנו. לא, אחי! כה יאמרו לכם, אך הקנאים, החשכים והצבועים שבנו, אך אתם אל תאבו ואל תשמעו אליהם, כי יותר טוב לנו, כי שונאינו ישנאונו על חריצותנו, חכמתנו ותבונתנו, מאשר ילעיגו עלינו וישנאו אותנו על בערותנו, אם שפתנו אתנו,

---

אונ רעדען דיא אייגענע שפראכע מיט זיי, פון דעסטוועגען פערהאסט מען זייא אויך, מען האט אונז נאך מעהר פיינד דארט וואו מיר וויללען זיך אויסמישען מיט זייא, מעהר וויא ביא אונז וואס מיר זאנדערן זיך אפ פון זיי. ניין, ליבע ברידער, איהר זאלט דאס גאר ניט רעדען, דאס קען נאר אייך איינרעדען, די קנאים, דיא פאנאטיקער, יעזואיטין, דיא פארמאסקירטע צבויאקעס, דיא פראסטע מענשען, אונגעבילדעטע, דיא וואס ליגין אין דער פינסטער, דער נאראד זאל ניט זעהען, וויא זייא פליקען אוים די וואהל פון זיי, זיי פערבלענדען די אויגען פון פאלק, כדי זייא זאללען קענען רעגירען מיט אייך אונ אוים צאפען ביא אייך דיא בלוט קושענדיג.

ליבע ברידער, מיר דארפען זעהען זיך סטארען מיר זאלען זיין געבילדעט, מיר זאללען געהן געקליידעט ציכטיג ריין, מיר זאללען זיין מייסטערם, האנד ווערקער, מיר זאלען אללעס קענען, אלעס וויסען, אונ זייא מעגען אונז פיינד האבען, אז מיר וועלען זיין מענשען, דאנן וועלען אונזערע שונאים אונז גאר ניט קענען טהון, זייערע פפיילען וועלען צו אונז ניט צו שטעהן, וואס הארט מיר, אז מיין שונא מיין פיינד האלט מיר העכער פון איהם. זאל איהם נאך מעהר פערדריסען דעם אנטיסימיט, אבער אונז וועט דאך

גוט

נוכל להתוכח, ולהוכיח את צדקתנו, לתבוע את עלבוננו גם בשערי המשפט. אולם אם כאלמים הננו יחורו פנינו תמיד מבושת, איש לא יבין את שפתנו ובבואנו אל בתי המשפט נשבע חרפה רבה בראותנו איך אחינו בני ישראל מתאמצים לפרש את טענותיהם לפני השופטים

---

גוט זיין, מיר וועלען אונזער ברויט אומעדום געפינען ערליך שיין, מיר וועלען קענען דיספוטירן אונ שרייען, וואס ווילט איהר פון אונז אנטיסימיטען, וואס הארט אייך וואס טוא איך אייך, אז איך בין א געלערנטער מענש אז איך האב א שעהנע פראפעסיע אין דער האנד, אז איך לעב א גוטען פאמיליעס לעבען, אז איך טרינק ניט קיין אלכוהול, אונ ליג ניט אין רינשטאק א שכור, אונ געהע ארוים אין גאס שטיל מיט דרך ארץ, ריין ציכטיג, וואס טהוא איך אייך מיט דעם שלעכטץ, אז מיר זאלען האבען צינגער צו קענען שיין רעדען אונ שיין שרייבען, אונ זיין טאקע, וויא מיר האבען פריער געשריבען וואס וואלט אונז געפעלט, ווער וואלט צו אונז גלייך געוועזען.

אבער אז זייא האבען אונז פיינד דערפאר, וואס מיר געהן ניט ריין, דיא מלבושים אונזערע שלעפין אויף זיך ארויף אלע בלאטעס, זיי האבען אונז פיינד דערפאר וואס מיר קריכען אין די העכסטע ערטער אונ אז עס קומט אויס רעדען אוואורט קענען מיר ניט, אונ מיר זעהען אויס וויא ווילדע מענטשען עזות פנימער. זיי האבען אונז פיינד דערפאר, וואס מיר זיינען האנדלערשוועס מעקלערים סרסרים פאקטערין. מיר פארנידעריגען זיך אליין ביי זייא פאר א פיציל ברויט. פאר וואס איז דאס אזוי? ווייל אונזערע עלטערן האבען אונז ניט פערזארגט קליינערהייט מיט א גוטע פראפעסיע מיט ארעמעכלא, זיי האבען אונז פיינד פאר אונזער

**והפקידים, אך תחת משפט ישבעו קלון, כי השופטים והנאספים ימלאו שחוק פיהם בשמעם שפת לא ידעו...**

בִּילִיגֶע קָאנקוּרֶענְצְיֶע. וְויא גוּט אִיז דֶעם מֶענְשֶׁען פוּן אַנְדֶערֶע נַארָאדֶען! אַז עֶר הָאט אַ גֶעשֶׁעפְט אוּנ גֶעבִּין אִיהם זִיצְט נָאךְ אֵיינֶער נִיט קֵיין יוּד, לֶעבֶּען זֵייא בֵּיידֶע גַאנְץ פַיין אוּנ הָאבֶּען בֵּיידֶע פַּרְנָסָה, נָאר אַז עֶס וֶעטְצְט זִיךְ לֶעבִּין אִיהם אַ יוּד אוּנ הָאלְט אַזַא גֶעשֶׁעפְט וְויא עֶר, דַאמָאלְס קְלָאגְט עֶר אוּנ וַויינְט, זֵייא הָאבִין שׁוֹין בֵּיידֶע אַ קְרֶענְק מַיינֶע שׂוֹנְאִים. זֵייא הָאבֶּען גֶענוּג וָואס צוּא לֶאבֶּען פוּן אוּנְז אוּנ פַיינְד הָאבֶּען אוּנְז. אַמֶענְשׁ קֶען פֶערְטְרָאגֶען וָוען אֵיינֶער אִיז אִיהם אַ שׂוֹנֵא אָדֶער עֶר אִיז אִיהם מְקַנֵא. בֶּענַיידֶעט אִיהם, אָבֶּער נִיט וֶוען יֶענֶער לַאכְט פוּן אִיהם. דָאס אִיז פַאר אַמֶענְשֶׁען דֶער גְרֶעסְטֶער גֵיהִנוֹם, אַמֶענְשׁ דַארְף בֶּעטֶען גָאטט אַז מֶען זָאלל נָאר נִיט הָאבֶּען פוּן אִיהם וָואס צוּא לַאכֶען, אוֹי דָאס אִיז שְׁלֶעכְט! אָבֶּער וָואס מֶען הָאט אִיהם פַיינְד אוּמְזוּנְסְט, דָאס אִיז נָאךְ נָאר נִיט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, נָאר אַבִּיא דֶער שׂוֹנֵא זָאל וִויסֶען אַז אִיךְ שְׁטֶעה הֶעכֶער פוּן אִיהם דָאס אִיז שׁוֹין דֶעם מֶענְשֶׁען גוּט.

אַזוֹיא אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶועזֶען בַּיי מֶענְטְשֶׁען דֶער חַאראַקְטֶער אוּנ אַזוֹיא אִיז נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ, אַז דֶער אָרִימַאן בֶּענַיידֶעט אִיז מְקַנֵּא דֶעם רַייכֶען אוּנ הָאט אִיהם פַיינְד, אוּנ נָאךְ מֶעהר הָאט פַיינְטֶער דֶער פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ דֶעם תַּלְמִיד חָכָם דֶעם גֶעלֶערְנְטִין, דֶער תַּנָא ר' עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט. עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעוֶועזֶען אַ עַם הָאָרֶץ אוּנ דֶער נָאךְ אַ תַּלְמִיד חָכָם, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אַ עַם הָאָרֶץ הָאט עֶר אַזוֹי פַיינְד גֶעהַאט דֶעם תַּלְמִיד חָכָם אַז עֶר וָואלְט אִיהם גִיקֶענְט צוּ רַייסֶען וִויא אַ הֶערִינְג, וָואלְט עֶר אִיהם צוּ רִיסֶען.

אַלְזָא לִיבֶּע בְּרִידֶער דָאס אִיז פַארְפַאלֶען, מִיר זָאלִין וֶועלֶען

אויספיהרען

עלינו אפוא החובה ללמד את ילדינו לדבר צחות בשפת הממשלה והמדינה למען נחדל מהיות לחרפה ולשנינה.

---

אויסְפִיהרֶען אַז דִיא רְשָׁעִים זָאלֶען אוּנְז נִיט פַיינְד הָאבֶּען, דָאס אִיז גָאר אַ אוּנְמֶעגְלִיכֶע זַאךְ, דָאס אִיז כִּמְעַט אוּנְנַאטִירְלִיךְ, נָאר מִיר דַארְפֶען זֶעהֶען אַז מִיר זָאלֶען קֶענֶען פַיין רֶעדֶען, מִיר מוּזֶען קֶענֶען דִיא שְׁפְּרַאכֶע פוּן דִיא נַארָאדֶען אוּנְזֶערֶע שְׁכֵנִים, וָואס מִיר לֶעבֶּען פוּן זֵיי אוּנ דִיא רֶעגִירוּנְגְם שְׁפְּרַאכֶע, מִיר זָאללֶען קֶענֶען זִיךְ אויף רֶעדֶען מִיט זֵייא וואו מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ, מִיר זָאלֶען קֶענֶען דִיסְפּוּטִירֶען מִיט זֵיי, אוּנ וֶוען דִיא אַנְטִיסִימִיטֶען מַאכֶען אויף אוּנְז אַ בִּלְבּוּל זָאללֶען מִיר זִיךְ קֶענֶען אויס טַעהֲנֶ'עֶן מִיט זֵיי, אוּנ אויף וַוייזֶען, אַז מִיר זֶענֶען נִיט שׁוּלְדִיג מִיר זֶענֶען נִיט עֶרְגֶער פוּן זֵייא, אוּנ אַז מִיר קוּמֶען אִין מִשְׁפָּט אִין דִי פְּרִיסוּטְסְטְ־וֶוענֶע אֶרְטֶער, צוּ אוּנְזֶערֶע שָׂרִים אוּנְזֶערֶע טְשִׁינָאוְונִיקֶעס אוּנְזֶערֶע סוּדְיַאעֶס אוּנְזֶערֶע שׁוֹפְטִים זָאללֶען מִיר גְלַאט רֶעדֶען אַז דִיא נַאטְשַׁאלְסְטְוָוא זָאלֶען קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אוּנְזֶער פֶּערְלַאנְגֶע.

אִיז אַ חוֹב אויף אוּנְז לִיבֶּע בְּרִידֶער מִיר זָאלֶען אַלֶע יוּדֶען נֶעהמֶען אויף זִיךְ בְּאָלָה וּבִשְׁבוּעָה אַז מִיר זָאלֶען לֶערְנֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער דִיא פָאלְקְס שְׁפְּרַאכֶע מִיט דֶער רֶעגִירוּנְגְם שְׁפְּרַאכֶע מִיר זָאללֶען נִיט זַיין צוּ שַׁאנְדֶע:

---

## י.

# הרבית.

עלינו לקבל על עצמנו לבלי הלוות כסף ברבית לאינו יהידי, כי על הדבר הרע הזה באנו באש ובמים בכל דור ודור, ועל דבר הרבית באו עלינו תמיד צרות רבות בכל מקומות מושבותינו, רכושנו היה לבז וכבודנו לכלמה, ואנשינו, נשינו וטפינו הוצאו להורג.

ועל זה דאבה נפשנו, כי היהודי ידאג רק לנפשו ולא ישים את לבו לדעת, כי במעשיו הרעים הוא מביא שואה על כל העם, הוא דואג רק לעצמו וטוב לו אם הוא בעצמו עם בני ביתו ינצל וגם את כספו יקח אתו

---

## 10.

# פְּרָאצֶענְט.

מֶען זָאלל נִיט נֶעמֶען ַקיין פְּרָאצֶענְט פוּן נִיט ַקיין יוּדֶען, ווָארוּם נָאר צוּלִיבּ דֶעם זֶענֶען מִיר אוּמְגֶעקוּמֶען אִין פַייֶער אוּנ אִין וַואסֶער, נָאר צוּלִיבּ דֶעם אִיז אוֹיף אוּנְז גֶעקוּמֶען אַלֶע פֶערְשִׁידֶענֶע אִינְקְוִויזִיצְיֶעס. דִיא פְּרָאצֶענְט אִיז דִיא ֶערְשְׁטֶע סִבָּה מֶען זָאל אוּנְז צוּ ַראבִּירְן אוּנְזֶערֶע פַארְמֶעגֶען אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּער אוּנ ִקינְדֶער זֶענֶען אוֹיסגֶעצְווִינְגֶען גֶעוְוארֶען צוּם טוֹיט.

לִיבֶּע בְּרִידֶער, דָאס אִיז דִיא ָערְגְסְטֶע קְרֶענְק בַּייא אוּנְז, ווָאס ַקיין יוּד זָארְגְט נִיט פַאר זַיין נַארָאד, יֶעדֶער יוּד זָארְגְט נָאר פַאר זִיךְ אַלַיין, אוּנ ֶעס הַארְט ַקיינֶעם נִיט אַז מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים זָאלל דֶער גַאנְצֶער נַארָאד גַיין צוּ גְרוּנְד, דָאס הַארְט אִיהם

נאר

למען אשר יוכל לקחת רבית הרבה.

הסבה לזה הוא, כי בהיותנו נרדפים ונענים מתגרת ידי עריצים היינו כשיירא מתגוררת ביער, אשר אם יתנפלו עליהם שודדים ינוס כל איש לנפשו ולא ישים את לבו על בני לויתו, ולכן נכרתה מלבבנו אהבת

---

גאר ניט אביא נאר ער זאל בלייבען מיט זיין געלד ער זאל ווייטער קענען נעמען פראצענט.

די סבה דערפון וואס דער יוד דאגהט ניט פאר זיין פאלק איז אזוי, וויל מיר זענען שטענדיג גערדריקט אונ געפייניגט אונ געפלאגט פון דיא רשעים פון דיא שלעכטע פעלקער. מיר זענען געגליכען ווי אקאמפאניע מענשען גייען אין דער וויסטע אין וואלד אונ עס פאלט אן אויף זיי רויבערס מערדערם, צו לויפען זיי אלע, דער לויפט וואו ער קען, זייא צולויפען יעדערער בעזונדער, איז דאמאלס ווען דיא מערדער יאגען זיי, קענען זייא שוין ניט אין זינען האבען איינער דעם אנדערען, נאר יעדערער לויפט פאר זיך, וויא ער קען, יעדערער וויל זיך מציל זיין, זיין אייגענע זעעלע, אונ קיינער קען שוין דאמאלס ניט קלערין פאר זיין קאמפאניע, אזויא זיינען ב"ה די יודין, זיי טרינקען זיך שטענדיג אן אין צרות, מען טרייבט זיי, מען יאגט זיי. מען ברענט זייא מען בראט זייא. דער טרייבט איהם אהין, אונ דער אהער; ער האט ניט קיין מנוחה, דער יוד האט נאר מנוחה אין קבר דאריבער האט ער מיט דער צייט פערלארען דעם געפיהל וואס ער האט געהאט מיט אפאר טויזענד יאהר צוריק, ווען יודען זיינען געזעסין אויף זייער לאנד איז דאמאלס יעדער יוד געוועזען גרייט זיך מקריב צו זיין צוא אפפערין זיך פאר זיין נארד, אונ אזוי איז הייטע ביי אלע נאראדען אז יעדער איינציגער האלט טייער זיין פאלק, אונ

פאר

החברה והדאגה לטובת הכלל, אשר קננה בנפש עמנו בשבתו על אדמתו. וגרועים הננו בזה, מבני כל העמים הנכונים תמיד להקריב את נפשם בעבור כבוד עמם ואשרו, עמנו הוא עם עני ואביון, וכבודו לא ידרוש מאתנו כל חרף נפש, אך להדבק במדות טובות וישרות ולבער מקרבנו את הרעות.

את כל עשרת הדברים האלה עלינו להורות לבנינו הצעירים בעודם רכים בסדר ובמשטר לפי ערך שנותיהם, ולשנן אותם להם, למען ידעו, כי בלתם לא תהיה להם

---

פאר זיין פאלק פאר זיין נאציע איז יעדערער גרייט זיך צוא אפפערן אונ גיין אין פייער אונ אין וואססער.

יעצט פערלאנגט ניט אונזער ארימער נאראד אז מיר זאלין זיך מוסר נפש זיין פאר איהם, דער פאלק פערלאנגט ניט פון אונז יעצט מיר זאלען זיך אפפערן צוליב איהם, נאר א קלייניקייט פערלאנגט פון אונז יעצט אונזער נאראד, מיר זאלען אוועק ווארפען אונזערע שלעכטע זיטען, מיר זאללען זיין ארינטליכע מענשען ארבעט מענשען ניט קיין ווינד מענשען, מיר זאללען זיין א עם חכם ונבון, מיר זאללען קענען זיין זעלבסשטענדיגע פארדינען אונזער ברויט מיט ערליכען שוויים, דאס איז די עהרע פון אונזער פאלק ישראל, אונ מעהר פערלאנגט ניט פון אונז דער פאלק, אז עס זאל זיין יעדערען גוט מיט זיינע גוטע מעשים, וועט שוין זיין דאמאלס גוט דעם גאנצען פאלק.

אלזא, ליבער ברידער, דארפען מיר לערנען אונזערע קינדער, פון קינדהייט אן דיא אללע עשרת הדברות לויט דיא יאהרען נאך, דארפען זיי לערנען מיט ארדענונג אונ איינפלאנצען אין זיי די עשרת הדברות, אז זיי זאללען וויסען אויב זיי וועלען

כל תקומה עד העולם.

את חיבת החנוך נוכל אנחנו כלנו לקחת על שכמנו, כצעירים כזקנים, כחכמים, כמשכילים וכבינונים, וגם נשים צעירות וזקנות באין יוצא מן הכלל, יוכלו להושיע לעמנו בדרך החנוך, איש איש לפי ערכו והשגתו למען העמידהו על מצב נכון ואיתן.

אתם גדולי הדור וחכמיו תשכילו לבנות את חומת ציון, ככל העולה על דעתכם הנשגבה ובינתכם הנעלה, ואנחנו נכון את העם להיותו עם חכם ונבון, למען אשר

---

נִיט האלְטֶען דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת קֶענֶען זַייא גָאר אויף דֶער וֶועלְט נִיט לֶעבֶּען אוּנ זַיי ווֶעלֶען קַיין מָאל קַיין תְּקוּמָה נִיט הָאבֶּען .

דֶעם חִנוּךְ קֶענֶען מִיר אַלֶע נֶעהמֶען אויף זִיךְ אַזוֹי אוּנְזֶערֶע יוּנְגֶע לַייט אוּנְזֶערֶע אַלְטֶע . אוּנְזֶערֶע מַשְׂכִּילִים . אוּנְזֶערֶע גִיבִּילְדֶע־טֶע, דִי גֶעלֶערְנְטֶע אויךְ פְרוֹיֶען יוּנְגֶע אוּנ אַלְטֶע אָן אַ אוֹיסְנַאמֶע, קֶענֶען מִיר הֶעלְפֶען צוּ דֶעם חִנוּךְ, מִיר זָאלֶען זִיךְ אַלֶע צִיוֹנִיסְטִין נֶעמֶען אויף זִיךְ, אַז יֶעדֶער וִויא וַוייט עֶר קֶען זָאלל זֶעהֶען טְהָאן אִין דֶעם חִנוּךְ, מִיר זָאללֶען אוּנְזֶערֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶעהֶען מַאכֶען צוּא מֶענְשֶׁען אוּנ צוּ יוּדֶען וִוי מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען . אִין דֶעם חִנוּךְ קֶען יֶעדֶערֶער נֶעהמֶען אַ אַנְטְהֵייל . יֶעדֶער נָאךְ זַיין גֶעפִיהל , יֶעדֶער נָאךְ זַיין הַשָּׂגָה , יֶעדֶער נָאךְ זַיינֶע קֶענְטֶענִיס מִיר זָאללֶען זִיךְ אַלֶע נֶעהמֶען אויף זִיךְ צוּא לֶערְנֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אויף דֶער רֶעכְטֶען וֶועג .

אִיהר גְרוֹיסֶע לַייט , אִיהר חֲכָמִים , אִיהר מִילְיָאנֶערן אִיהר קֶענְט זִיךְ בּוֹיעֶן צִיוֹן לוֹיט אַייֶער הוֹיכֶען גֶעפִיהל מִיט אַייֶערֶע גְרוֹיסֶע קְרֶעפְטֶען , אוּנ מִיר מִיטֶעלֶער נַארְאָד, מִיר וִועלֶען צוּ גְרֵייטֶען דֶעם פָאלְק . מִיר וֶועלֶען אוֹיס שְׁטוּדִירֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער , אַז זַיי זָאלֶען

זַיין

יוכל להתקיים ולעמוד ברשות עצמו, ואם ככה נעשה, אז אם גם חלילה לא יצלח חפץ גדולי הדור בידיהם, גם אז נושע והיינו מאושרים בכל מקומות מושבותינו!

ואולם אם לא ניטיב את דרכי החנוך, ואם לא נישר את דרכנו ומסלתנו המלאות אבני נגף וצורי מכשול ואם לא נתאמץ להיות עם חכם ונבון באמת, בני תרבות, בעלי מדות טובות וישרות, עם מנהגים טובים וישרים, ידוע תדעו, אחי, בני עמי, כי כל מעשיכם בבנין ציון יהיו לאפס ולאין, ואף אם יבאו כל מלכי מזרח ומערב ויעזרונו לנו לבנות את ציון יהיו כל מעשיהם לריק, כי „ביתא באוירא לא קאי” ואם יסוד החנוך יחסר לנו על מה אדני הבנין יטבעו? ותחת להיטיב את מצבנו עוד הרע תרעו להעם הזה.

אף כי יש תקוה, כי בעוד עדן ועדנים תבנה ציון כפי שטת הד"ר הרציל, ואמנם בעיני עם אובד גם זמן ארוך של מאות בשנים ליום אחד יחשב, אך בטרם כל עלינו להתאמץ לחיות ולהחליף כח למען אשר נוכל לקוות,

---

זיין זעלבסשטענדיג זיי זאלען זיין א עם חכם ונבון, אז מיר וועלען אזויא טהוען מיר וועלען איינפיהרען ביא אונז א גוטען חנוך איז אפילו ווען דיא גרויסע לייט דיא חכמים וועלען ניט אויספיהרען זייער וואונש, וועלען מיר אויך זיין גליקליך וואו מיר וועלען זיין.

ליבע ברידער אז מיר האבען אפילו האפענונג אז אין א צייט ארום וועט געבויט ווערען ציון אזויא וויא ד"ר הירצל שטעלט זיך פאר, אונ ביי א נאראד שפילט ניט קיין ראליע קיין לאנגע צייט, הינדערטער יאהרען איז גערעכענט פאר א טאג, נאר דערווייל דארפען מיר זיך סטארען צוא האבען קרעפטען צוא ווארטען,

ולא יקוים בנו מאמר ההמוני: „בטרם תבא הנחמה, תצא הנשמה".

חברת ציון היא רבת התועלת מאין כמוה. ובישראל לא היתה עוד חברה טובה ומעולה כזאת. היא לקחה את לבב כל היהודים הנפוצים בארבע כנפות הארץ לדבר אחד, ולמטרה אחת. כל אנשי המפלגות והכתות השונות והרבות מאד, כלם כאיש אחד התעוררו לבנות את ציון ולשכלל אותה, ועל ידה נוכל להיטיב ולתקן את החנוך הפרוע והרעוע, לשכלל ולפאר ולתקן את עצמנו, למען אשר נהיה ברבות הימים לאנשים מועילים לעצמנו ולאחרים, כי רק על החנוך העולם עומד.

---

װֶער װֵייסְט װִיא לַאנְג דָאס װֶעט גֶעדױעֶרֶען בִּיז מִיר װֶעלֶען גֵיין ַקיין צִיוֹן, דַארְפֶען מִיר זֶעהֶען מִיר זָאלֶען הָאבֶּען כֹּחַ קְרַאפְט צוּ הָאפֶען ֶעס זָאל חָלִילָה נִיט מְקוּיָם װֶערֶען אויף אוּנְז דֶער שְׁפְּרִיךְ װָארְט, אֵיידֶער ֶעס װֶעט קוּמֶען דִיא נֶחָמָה, װֶעט אַרוֹיס דִיא נְשָׁמָה.

דִיא חֶבְרָה צִיוֹן אִיז ַזייֶער אַ טַייֶערֶע חֶבְרָה פַאר אוּנְז יוּדֶען װָאס אִיז גָאר ַקיין גְלַייכֶען צוּא אִיהר נִיט דָא, ֶעס אִיז ַקיין מָאל בַּיי יוּדֶען אַזַא גוּטֶע נוּצְלִיכֶע חֶבְרָה נִיט גֶעװֶעזֶען װִיא זִיא אִיז, מִיט דֶעם װָאס דִיא חֶבְרָה צִיוֹן הָאט צוּזַאממֶען גֶענוּמֶען דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע צוּ שְׁפְּרֵייטֶע יוּדֶען אִין אַלֶע פִיער ֶעקִין פוּן דֶער װֶעלְט צוּא אֵיין זַאךְ צוּא אֵיין צִיל, אַלֶע אוּנְזֶערֶע סֶעקְטֶעס, אַללֶע פֶערְשִׁידֶענֶע פַּארְטֵיעס, אָרוּם אוּנ רַייךְ, גֶעבִּילְדֶעטֶע, חֲסִידִים אוּנ מִתְנַגְדִים, אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ ֶערְװֶעקְט צוּא אֵיין צִיל, צוּא אֵיין זַאךְ צוּ בּוֹיֶען צִיוֹן, אִיז מִיט דֶעם אַלַיין גוּט, װָאס אַללֶע

חברות

אם בנינו יהיו חרוצים וישרים וידעו מימי ילדותם את חובתם ואת אשר להם לעשות למען אשר יוכלו עמוד, אז נצליח לבא בשלום לציון וגם נפיק רצון מאת כל העמים וכל החצים ואבני בליסטראות, אשר יורו עלינו שונאינו ומנדינו לא יגעו בנו לרעה, ואז יושע יהודה וישראל ישכון לבטח באין מחריד.

חברות אללע פערשידענע מענטשען האבען זיך פעראייניגט, וועלען מיר יעצט קענען אויסבעססערען אונזער שלעכטען חנוך, מיר וועלען יעצט איהם קענען אויספיינען און פאררינכטען אלע פעהלערען, אז מיר זאללען קענען זיין אין א געוויסע צייט נוצליכע מענשען פאר זיך און פאר אנדערע, ווארום די וועלט באשטעהט נאר אויף גוטע ערציהונג, חנוך, און נאר אין דעם באשטעהט דער גליק פון יעדער נארד, נאר אין חנוך הבנים.

אז אונזערע קינדער וועלען זיין פעהיגע ארינטליכע מענשען אז זייא זאללען קענען זיין זעלבסשטענדיג, דאמאלס וועלען מיר בשלום קומען קיין ציון, און מיר וועלען האבען חן ביי אללע פעלקער און אללע פיילען אלע קוילין, וואס די אנטיסימיטען וועלען שיסען וועט אונז קיין שלעכץ ניט קענען טהוען, ואז יושע יהודה, וישראל ישכון לבטח, דאמאלס וועט יהודה געהאלפען ווערען און ישראל וועט זיצען זיכער.

# מודעה

חברות ואגודות של צדקה וחסד יציצו לרוב בכל תפוצות ישראל, ובזמן קצר גבול יבולו והיו כלא היו, יען כי בראשית הוסדן לא יכינום המיסדים בסדרים ישרים ונכונים הדרושים לקיומם, ולא יגדרו מראש גדרים בפני האנשים המהרסים ומחרחרי ריב אשר בשם „בעלי טובות" יתאמרו,

והנה אחרי רוב שנות עמל ויגיעה אשר עברו עלי בהנהגת בתי חסד וצדקה, ואחרי המון בחינות ונסיונות אשר בחנתי ונסיתי בעניני ההנהגה, הוצאתי לאור את הספר **הצעת חקי אחי עזר**, אשר הוא מישר כל

---

עֶס אִיז בֶּעוואוּסְט, דָאס בַּיי אוּנְז יוּדִין וֶוערִין גֶעגְרִינְדֶעט יֶעדֶער טָאג פֶערְשִׁידֶענֶע וָואהלְטָהֶעטִיגֶע חֶבְרוֹת אוּנ אִין אַ קוּרְצֶע צַייט ווערִין זַיי צוּנִיכְטֶעט. אַז מֶען פַארְגֶעסְט גָאר אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעגְרִינְדֶעט גֶעוֶועזֶען אַזָאלְכֶע חֶבְרוֹת, פַאר וָואס אִיז דָאס אַזוֹי, פַארְשְׁטֵייט מֶען. דִי אוּרְזַאכֶע דֶערְפוּן אִיז זָא, וַוייל דִי גְרִינְדֶער וֶוען זַיי גֶעהְן צוּ, גְרִינְדֶען אַ גֶיזֶעלְשַׁאפְט, מַאכֶען זַיי בַּאלְד פוּן אַנְפַאנְג נִיט קֵיין גוּטֶע אָרְדֶענוּנְגֶען אַז עֶס זָאל קֶענֶען הָאבֶּען אַ קִיוּם, זַיי פַארְצוּימֶען נִיט בַּאלְד דִי וֶועג פַאר דִי מְהָרְסִים אוּנ דִיא מְחַרְחֲרֵי רִיב, ד"ה פַאר דִי קְרִיגֶערְס וָואס הָאבֶּען לִיבּ אַלֶעס צוּא זָאגֶען פַארֶקֶעהְרְט אוּנ צוּ מַאכֶען קְרִיג -- אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִתְעַסֵק גֶעוֶועזֶן פִיל יָאהר אִין פֶערְשִׁידֶענֶע חֶבְרוֹת אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט פֶערְשִׁידֶענֶע פְּרָאבֶּען אִין דִי אָרְדֶענוּנְגֶען, אִיז מִיר פָארְגֶעקוּמֶען זֶעהר פִיל פְּרַאקְטִיקֶע אִין דִי אָרְדֶענוּנְגֶען וִוי צוּ פִיהְרֶען חֶבְרוֹת, אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעזֶעהֶען דִי אַלֶע פֶעלֶערְן וָואס וַוארְפְט אַיין אַלֶע חֶבְרוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ אַלֶעס אוֹיס צוּ בֶּעסֶערִין אוּנ פַארִיכְטִין, הָאבּ אִיךְ אוֹיף דֶעם צְוֶועק אַרוֹיס גֶעגֶעבִּין אַ סֵפֶר מִיט דֶעם נָאמֶען „הַצָעַת חֻקֵי אַחִי עזר

הדורים ומתקן כל מעות ועושה שלום בין החברים ובין המנהלים ובין איש לרעהו, ויסגור במסגרות חזקים את קופת הקהל לבל תשלטנה בה ידי נסתרים, ויסיר המסוה מעל פני המנהלים לבל יעשו במחשך מעשיהם, ויסתום פיות כל המחרחרים ריב והאוהבים להתקוטט ולדבר ההפך מדברי חברם, ויגדור הדרך בפני כל תקלה וכל קטטה וכל מאורע רע אשר יוכל לקרות ולבוא ברבות הימים להרוס אשיות החברה. — הספר כתוב בשפת עבר ובשפת שזארגאן בסגנון קל ומובן ושוה לכל נפש.

---

עֶ זֶ ר״. דֶער סֵפוּר פַארְרִיכְט אַלֶע פֶעלֶערִין אוּנ מַאכְט גְלַייךְ אַלֶע קְרוּמְקַייט אוּנ מַאכְט שָׁלוֹם צְווישֶׁען דִי חֶבְרָה לַייט אוּנ צְווישֶׁען דִי אַנְפִּיהְרֶערְס, עֶר פֶערְשְׁלִיעסְט מִיט שְׁטַארְקֶע שְׁלֶעסֶער דִי קַאסֶע וָואס אוֹיף אִיהר אִיז דָא אַ מַאסֶע אוֹיגֶען, עֶר דֶעקְט אָפּ דִי פָארְהַאנְג וָואס דִי אַנְפִּיהְרֶער פַארְדֶעקֶען דַארוּם זַיי זָאלִין קֶענֶען טָאהן אַלֶע זַייעֶרֶע מַעֲשִׂים אִין דֶער פִינְצְטֶער, אוּנ עֶר פַארְשְׁלִיסְט דִי מַיילֶער פוּן אַלֶע קְרִיגֶערְס וָואס דֶער הוֹיכְט קוֹמֶען זַיי אוֹיף דִי אֲסִיפוֹת אוּנ צוּמִישְׁין אַזוֹי דִי אֲסִיפָה אַז עֶס ווערְט דֶערְפוּן גָאר נִיט, אוּנ פַארְהִיט פוּן נָאךְ פֶערְשִׁידֶענֶע טְרֶעפוּנְגֶען שְׁלֶעכְטֶע וָואס קֶענֶען צוּוואַרְפֶּען חֲבוּרוֹת. עֶר זָעצְט יֶעדֶער זַאךְ אַיין אוֹיף זַיין אָרְט בִּכְדֵי אַז דִי חֶבְרָה זָאל קֶענֶען עֶוִויג עֶקְסִיסְטִירֶען.

для изученія еврейской истор... и литерат...
Библіотека академическ. ферейна
Юрьевъ

# לוח הטעות (בלשון הקודש)

| עמוד | שורה | תחת | צריך להיות |
|---|---|---|---|
| 21 | 4 | אחד | אתם |
| 29 | 4 | לא | לו |
| 34 | 8 | ולכלכל | ולכלכלת |
| 35 | 1 | דעת העולם בלבבם | דעת העולם נתן בלבבם |
| 52 | 4 | יקציב | יקצוב |
| 56 | 6 | כח | כה |
| 72 | 4 | שלשה | ששה |
| 94 | 8 | ולדברים | לדברים |

## פעהלערען אין זשארגאן

| עמוד | שורה | אנשטאט | בעדארף זיין |
|---|---|---|---|
| 19 | 1 | וָוארִים זֵיי רִיכְטִין<br>מִיט רֶעכְט | וָוארוּם זֵיי הָאבֶּען<br>אַיינְגֶעזֶעהֶען אַז בַּייא<br>דִי מְלָכִים אוּנ שָׂרִים<br>קֶענֶען זֵייא אוּנְז קֵיין<br>שְׁלֶעכְטְץ נִיט טָאהן<br>וָוארִים זֵייא רִיכְטִין<br>מִיט רֶעכְט מִיט יוֹשֶׁר |
| 32 | 19 | מִילְיָאנֶען | מִילְיָאנֶערן |
| 62 | 10 | אַ גִישֶׁעפְּט | אַ אֵיינְגִינְשַׁאפְּט |
| 68 | 11 | דֶעם רֵיינְקֵייט | דִי אוּנְרֵיינְקֵייט |
| 98 | 3 | שׁוּהְל | שׁוּהְלֶן |
| 121 | 8 | דֶער | יֶעדֶערֶער |